STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02052

DER HOSEM SOYFER

Jacob Reisfeder

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס לעבען פון אונזערע דענקער און גאונים.

דער

חתם סופר

בעאַרבייט
פון
יעקב רייזפעדער.

מיט אַ פאָררעדע פון
הלל ציימלין.

1=טעם בוך

פערלאַג
א. גיטלין.
ווארשא.

1919

געזעצט ביי
ב. ליעבעסקינד.
פעטריקאָוו.

פאררעדע

פון

הלל צייטלין:

די ארבייט פון ה׳ יעקב רייזפעדער וועגען חתם־סופר איז א נייע ערשיינונג אין דער יונג־יודישער ליטעראטור. ניי לויט׳ן אינהאלט, ניי לויט׳ן פארם. דאס הייסט ניט, אז אין דער מאנאגראפיע וועגען חתם־סופר זענען דא נייע, אריגינעלע געדאנקען. דאס הייסט נאר: ה׳ רייזפעדער האט זיך ערלויבט אריינצובריינגען אין דער מאדערנער יודישער ליטעראטור און צו שילדערען זיין לעבען, ווירקען און שאפען אין א פרום־פאלקסטימליכען טאן. אין דער דייטש־יודישער ליטעראטור, בעזונדערס אין די אויסגאבען פון דעם „איזרעאליט”, זענען דא פיעל אזעלכע מאנאגראפיעס. ביי אונז איז עס אבער איינער פון די ערשטע פערזוכען אויף דעם געביט. מען קען ניט זאגען, אז אט דער פערזוך איז אין אלע הינזיכטען געראטען. גענוג איז אבער, אז ער איז אין פיעל הינזיכטען געראטען. עס פיהלט זיך ליעבע צו דער זאך, פלייס, ארבייטזאמקייט, זין פאר פאלקסטימליכקייט, א חוש פאר׳ן רעליגיעזען לעבען.

דעם מחבר פעהלט טיילמאל די נויטיגע ערודיציע צו אזא׳ן ארבייט ווי „חתם־סופר”, ער האט זיך מיינסטענס בענוצט מיט די אגדות פון פאלק וועגען איהם און מיט דעם „חוט המשולש” און „ספר הזכרון”, אבער ניט מיט די פיעלע שאלות ותשובות, אין וועלכע עס שפיגעלט זיך אב דער

בעזונדער כאַראַקטער פונ׳ם „חתם־סופר״. דער „חתם־סופר״ איז דעריבער אַרויסגעקומען ביי ה׳ רייזפעדער׳ן צו ווייך, צו צאַרט, צו ליריש. באמת איז דער חתם־סופר געווען אַ כאַראַקטער ניט נאָר אַ גרויסער, ווי ער ווערט געשילדערט אויך ביי ה׳ רייזפעדער׳ן, נאָר אויך אַן׳אייזען־פעסטער, אַן׳אויסגעצאָסענער, אין־זיך־איינגעשלאָסענער, צוריקגעהאַלטענער, האַרטנעקיג־קאָנסערוואַטיוו, האַרט און שווער אין זיין לאַנגען קאַמף ניט נאָר מיט די רעפאָרמאַטאָרן, נאָר אויך מיט דער מינדסטער נייאיגקייט, וואָס איז פון ווערמען ניט איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען. דער חתם־סופר האָט ליעב געהאַט צו בענוצען די גמרא: „החדש אסור מן התורה״ אין דעם זין, אַז יעדע נייע זאַך איז אסור מן התורה... מען מוז זיך דעריבער האַלטען ביים אַלטען ניט נאָר בנוגע צו דעות און מדות, אזהרות און מצוות, נאָר אויך בנוגע צו מנהגים, זאָגאַר בנוגע צו די אונבעדייטענדסטע פון זיי. אינ׳ם גאַנצען סטיל פונ׳ם חתם־סופר, אינ׳ם גאַנצען אַרט לערנען זיינעם, שפירט זיך ניט נאָר דער אייזערנער קאָפּ, נאָר אויך דער אייזערנער מענש בכלל. ה׳ רייזפעדער׳ן האָט אָבער מעהר אינטערעסירט דאָס פאָלקסטימליכע וועגען חתם־סופר און דאָס האָט ער אין פיעלע ערטער געלונגען אַרויסגעבראַכט.

עס מוז נאָך בעמערקט ווערען אַ פּאָר ווערטער וועגען דעם סטיל פון ה׳ רייזפעדער׳ן אין זיין „חתם־סופר״. דער סטיל איז האַלב אַלט־פאָלקסטימליך, האַלב קינסטלעריש־מאָדערן. טיילמאָל מישען זיך די ביידע אַרטען צוזאַמען און עס איז שווער צו וויסען, צי מיר האָבען פאַר זיך אַ שען מעשה־ביכעל פון דער אַלט־יודישער ליטעראַטור, צי אַ מאָדערן־קינסטלערישע מאָנאָגראַפיע. טיילמאָל געלינגט עס אָבער ה׳ רייזפעדער׳ן צו סינטעזירען די ביידע פאָרמען.

אַלענפאַלס פערדינט דאָס בוך געלעזען צו ווערען, סיי פון עלטערע מענשען און סיי פון יונגערע מענשען, וואָס ווילען וויסען, ווי אַזוי עס האָבען געלעבט און געווירקט אונזערע גרויסע.

א.

זיין געבורט.

אין דער אַלטער שטאָדט — בעריהמט און געבענשט מיט איהרע גאונים און צדיקים — פֿראַנקפֿורט אַם מײַן האָט אַמאָל געלעבט אַ פֿרומער, גאָטספֿאָרכטיגער יוד מיט'ן נאָמען ר' שמואל סופר. האָט געשטאַמט דער דאָזיגער ר' שמואל פון אַ משפחה — לויטער גאונים און צדיקים, וואָס האָט פון פאָטער'ס צד געצויגען איהרע לאַנגע, גאָלדענע יחוס=קייט ביז רש"י ז"ל, און ווײַטער געקייטעלט זיך, פֿעסט געשמידט רינג אין רינג, אַזש ביז דעם תנא ר' יוחנן הסנדלר.

אויך ר' שמואל'ס ווײַב — רייזעל — איז געוועזען אַ גרויסע מיוחסת, און מיט איהרע מעלות און מדות טובות — בעריהמט אין גאַנץ פראַנקפורט און ווײַט אַרום אין דער מדינה, מיט איהרע גרויסע, מילדע, שטילע, טויבען=אויגען, וואָס האָבען פון אונטער'ן זײַדענעם קאָפּ=טיכעל געקוקט צניעות'דיג, צוריקגע־האַלטען אויף דער וועלט...

און מיט איהרע גוטע מאַמע=רייד פֿלעגט זי דערשלאָגענע, צוועהטיגטע געמיטער בערוהיגען, אײַנשטילען, אויפמונטערן, נישט אינגאַנצען אַראָבצופֿאַלען בײַ זיך, נישט צופערלירען דעם בטחון אין זײַן ליעבען נאָמען, און טאַקע אויך העלפֿען לויט איהר יכולת. אמת, מיט איהר אייגען צדקה=געבען האָט זי קנאַפּ ווען געקאָנט העלפֿען, מחמת זיי האָבען אַליין פרנסה געהאַט בדוחק, דערפֿאַר אָבער פלעגט זי אָבגעבײַן אַ סך שעה'ן יעדען טאָג אויף זאַמלען נדבות אין די רײַכע פֿראַנקפֿורטער הײַזער, און וועלכע „רייזעל די צדקניות" איז געווען זעהר בעליעבט. און דאָס געלד דערנאָך צושיקען דורך איהרע שליחים מתן בסתר אין שטילע, בכבוד'ע הײַזער, קיין שום ילוד=אשה זאָל דערפון נישט וויסען...

ביי אנ'אבל, ביי א חולה, ביי וואס פאר א צרה ר"ל אין א יודיש הויז — אומעטום איז געווען רייזעל, מיט איהר געטריי אויג און ווארים הארץ, און אבי ס'איז נור געווען אין איהר געוועגדט, האט זי קיין מיה און מאטער נישט געקארגט, אין די וויטסטע גאסען געלאפיי, אויף די העכסטע שטאקען געקלעטערט, נעכט נישט דערשלאפען, נישט גערעכענט זיך מיט קיין שום ארבייט — אבי געדריקטע, פערומערטע און קראנקע צו העלפען, מיט וואס עס האט זיך נור העלפען געלאזט.

און עס האבען געבענשט איהר נאמען יתומות און ארימע כלות, ועמען זי האט חתונה געמאכט; ארימע, געדריקטע, שוואכע און קראנקע, וועמען זי פלעגט, ווי א טרייע מאמע, צוהילף קומען, און אויך די אלע, וואס האבען נור בלויז געהערט פון איהרע זעלטענע מדות און מעשים-טובים... און זי איז מיט רוהם און לויב געווען ארומגערינגעלט.

און דאך איז רייזעל ארומגעגאנגען מיט זעהר א צעוועהטאגט, פערביטערט הארץ און שטילערהייד, פערבארגען פאר יעדעם מענשליכע אויג, גענאסען הייסע טרעהרען...

שוין העכער צעהן יאהר האט זי מיט איהר שמואל'ן געוואוינט, און — קיין קינדער נישט געהאט, און זי האט זיך גערייכט שוין א ליאדע טאג פון איהר מאן א גט צו בעקומען, ווייל ער קאן דאך און טאר דאך מיט איהר לענגער נישט וואוינען על-פי-דין...

און אזוי איז עס טאקי געווען:

דער שטילער, גאטספארכטיגער ר' שמואל, ווי שווער עס איז איהם געווען דאס שיידען זיך מיט זיין גוטער, פרומער רייזעל, האט מיט א שווער געמיט געהאט בעשלאסען זי צו גט'ן. ווי קאן ער דען אויף זיך א זינד נעהמען?...

ער האט דאס נור אבגעלעגט פון טאג אויף טאג.

נור דערווייל האט מען אין הימעל רייזעל'ס הייס געבעט און איהר געוויין פון טיפען ריינעם הארצען פארט צוגעהערט, און איינמאל אין דערפריה, אז ר' שמואל איז פון בית-מדרש געקומען, איז זי איהם מיט שטילע טריט אקעגען געגאנגען און מיט א נחת'דיגען שמייכעל און צניעות'דיגער

שעמעוודיגקייט איהם עפּיס איינגערוימט אויפ׳ן אויער, פון וואָס עס האָט זיך אַ גליקליכער שמייכעל צעלענט איבער זיין פנים, איינגעטונקט אין באָרד און פאות...

און ווען עס איז געקומען דער טאָג — אַ פרייטאָג איז עס געווען*) — ווען רייזעל איז געגאַנגען צו־קינד, האָט די גאַנצע שטאָדט פאַר איהר מתפלל געווען, אַז זי זאָל געווינען בשלום. נאָר דערוויילע האָט זיך דאָס קינד־האָבען פערצויגען, ביז נאָהענט צו זמן שקיעת־החמה געווען. און אלע יודישע הייזער האָבען שוין די שבת־ליכט געברענט, פרעהליך אַרום־ווינקענדיג דורך די ריין געוואשענע פענסטער מיט זייער הייליגען, שטילען שיין. באַלד וועט מען זיך אין אלע בתי־מדרשים און שוהלען שטעלען מקבל זיין די הייליגע מלכה שבת, ווי דער מנהג אשכנז איז, מקבל שבת צו זיין בעוד יום...

דאָ האָט די צדקנית רייזעל אין איהרע שטאַרקסטע וועהען זיך אין עפּיס דערמאָהנט און געהייסען, מען זאָל געשווינד אַ שליח שיקען צום דאַמאָלסדיגען מרא דאתרא פון שטאָדט, ר׳ אבוש חסיד ז״ל, מיט אַ בקשה, אַז ער זאָל אַ ביסעל צו־וואַרטען אין שוהל מיט׳ן מקבל־שבת־זיין, ביז זי וועט דאָס קינד האָבען, כדי מ׳זאָל נישט דאַרפען מחלל שבת זיין ביים קינד־האָבען...

און אַז דער אַלטער גרייז־גרויער רב, דער גאון, האָט די בקשה פון רייזעל די צדקנית געהערט, האָט ער אַ זאָג געטהון צום חזן, וואָס איז שוין געשטאַנען אויפ׳ן בעלעמער אין טליה איינגעהילט, גרייט „לכו נרננה״ אויסצוזינגען

— וואַרט נור! וואַרט נור!...

און דאַן צום גאַנצען עולם, מיט לויטערע, רוח־הקודש־אויגען:

— ער איז ווערטה, מ׳זאָל וואַרטען מיט׳ן מקבל־שבת־זיין ביז ער וועט קומען אויף דער וועלט...

---

*) זיבען טעג אין תשרי, אין יאָהר תקכ״ג.

נאָפּט דער עולם... נאָר ער וואַרט. אַז דער גרויז-גרויזער רב הייסט...

געהט נישט אַדורך קיין פֿיערטעל שעה, קומט אַ צווייטער שליח אין שוהל אַריין מיט אַ פֿרעהליכען „מזל-טוב“, אַז רייזעל די צדקנית האָט אַ בן-זכר געבאָרען און אַז מען מעג זיך שוין שטעלען צו קבלת-שבת.

און דאָרט דאָס קליינע, נידעריגע שטיבל, וואו געהערשט האָט שטענדיג אַזאַ עצבות און פֿיינליכקייט, איז איצט, זינט דאָס קינד איז אויף דער וועלט געקומען, פֿול געוואָרען מיט אַזאַ שמחה און העלער ליכטיגקייט. אויפֿגעשיינט האָט ר׳ שמואל סופֿר׳ס פּנים, אויפֿגעשטראַהלט האָבען פֿון שמחה די אויגען און דאָס בלאַסע פּנים פֿון דער יולדת, און ס׳האָט זיך גע-דוכט, אַז אויך די טונקעלע וועגד אין שטיבעל זענען עפּיס ווייסער און רייגער געוואָרען. פֿון יעדער זאַך, פֿון יעדען ווינ-קעלע און שפּעלטעלע האָט עס געאָטעמט מיט שטילער פֿרייד און נחת, עפּיס ווי צוזאַמען מיט׳ן קינד וואָלט אַ שטילער מלאך געבאָרען געוואָרען און זאַנפֿטע רוה און צופֿריעדענהייט אין שטוב אַריינגעבראַכט...

עס האָט יעדען דאָס האַרץ געזאָגט, אַז דאָס קינד וועט אַמאָל מיט זיין תורה די וועלט ליכטיג מאַכען.

און — נישט געגאַרט.

פֿונ׳ם דאָזיגען קינד איז עס אויסגעוואַקסען דער גרויסער גאון „חתם סופֿר“ ז״ל.

ב.

דאָס פֿערלאָזען די עלטערן!

שוין אין דער פֿריהסטער קינדהייט האָט מען אויף זיין בלאַס, חנ׳עוודיג, קוויטער פּנים׳ל געזעהן בחוש די שכינה לייכטען, און ס׳האָבען יעדען בעוואונדערט זיינע טיפֿע, פֿייערדיגע אויגען און זיין קינדיש הויך שטערנדעל, גלאַט ווי ווייסער סאַמעט.

באַלד אין דערפריה פלעגט זיך שוין משה'לע רייסען צו געהן אין חדר אַריין. אַן'אונגעוועהנליכער דורשט און חשק צום לערנען האָט שוין דאַמאָלס געברענט אין זיין קינדעריש הערצעל. ער וואָלט געלאָפען אָהן אָנבייסען, נאָר די געטריי מאַמע מיט די האַרציג־פרומע אויגען שמייכעלט נחת'דיג, קושט פלאַמענדיג זיינע זיידענע בעקעלעך, און הייסט פריהער אָבעסען. און דאַמאָלס פיהרט זי איהם אַליין אין חדר אַריין, נישט אַנטרויענדיג איהם קיין בעהעלפער, און בשעת אָבפיהרען איהם אַהין, האַלט זי אַרומגעהילט זיין פנים מיט אַ דיקען שאַל, אַז זיינע אויגעלעך זאָלען זיך אין קיין שום מאוס'ע, טמא־זאַך נישט איינקוקען איבער'ן וועג... און אַזוי טהוט זי אויך בשעת אָבפיהרען איהם פון חדר אַהיים.

און שוין דאַמאָלס האָט דער שפּעטערדיגער גאון זיין אַלטען רבי'ן פער'חידוש'ט מיט זיינע קלוגע קשיות, און אָפּטמאָל אין פערלעגענהייט איהם אַריינגעברענגט...

און גאונ'יש־גיך איז משה'לע געשטיגען אין לערנען, אַלץ פלינקער און געשאַרפטער האָט זיין קינדעריש מוח'ל געאַרבייט, און אַלץ אייזערנער איז געוואָרען זיין זכרון, און אַז ער איז אַלט געוואָרען אַכט יאָהר, האָט ער שוין גע'שם'ט אין דער גאַנצער סביבה פאַר אַן'עלוי, און איז אָנגענומען געוואָרען פאַר אַ תלמיד אין דער ישיבה פון דעם גרויסען גאון ר' נתן אדלער ז"ל.

דאָס איז געווען אַ ישיבה פאַר בחורים און יונגעלייט — לויטער לומדים, און צווישען זיי האָט מען דעם קליינטשיקען משה'לען מיט די פייערדיגע אויגעלעך און שיינענדיגען פנים'ל קוים אַרומגעזעהן; און זיי האָבען דערום תחלת עס אָנגענומען פאַר אַ גוטען שפּאַס פון זייער רבי'ן, דעם גאון, וואָס ער האָט אַריינגעזעצט צווישען זיי אָט דאָס יונגעלע... באַלד אָבער האָבען זיי איינגעזעה'ן, אַז דער קליינטשיקער שטייגט זיי נאָך איבער אין לערנען מיט זיין חריפות, און דאָס האָט אויפגעוועקט שטילע קנאה אין זייערע הערצער...

און אַ מנהג איז געווען אין דער דאָזיגער ישיבה, אַז יעדען שבת האָט איינער פון די תלמידים גע'דרש'ענט פאַר די איבעריגע דאָס, וואָס ער האָט מחדש געווען אין דעם

ענין, וואס ער האט איבער דער וואך פאר זיך געלערנט.

און אז דער סדר איז געקומען אויף דעם קליינעם משה׳לען, האבען זיך פאר נייגיעריגקייט צונויפגעזאמעלט אין דעם גרויסען ישיבה־חדר א דאפעלטע צאהל צוהערער, צווישען זיי — די גרעסטע לומדים פון שטאדט.

שטיל איז געווארען אין חדר, אז משה׳לע האט זיך בעוויזען ביים שטענדער אויפ׳ן צוגעשטעלטען בענקעלע. פון אלע זייטען האבען פייערדיגע בליקען זיך געצויגען צו איהם אין די גרעסטע אנגעשטרענגטקייט, און יעדער האט דעם אטעם איינגעהאלטען פאר נייגיער, וואס פאר א דרשה דער קליינער וועט דא האלטען.

און אט האט ער זיין מיילכעל געעפענט...

ווי דער קלאנג פון ריינסטען זילבער, האט אבגעקלונגען איבער׳ן גרויסען חדר זיין זים, דין קול׳כעל, און די ווערטער — לויטער גאונות און חריפות — האבען ווי פערל זיך געשאטען פון זיין מויל, א היילינער פלאם האט בעגאסען זיין חנ׳עוודיג פנים׳ל, א הייליג־לויטערער שכינה־פלאם, און זיינע אויגען האבען ווי צוויי העלע שטערען געלויכטען...

און דער עולם?

פער׳חידוש׳טע, פערגאפטע זענען זיי געשטאנען, און מיט אפענע מיילער זיך צוגעהערט צו זיין טיעפען, חריפות׳דיגען דרוש. די גרעסטע התפעלות איז געלעגען אויסגעגאסען אויף אלעמענס פנים׳ער, און מאנכע אויגען האבען פון גרוים געריהרטקייט מיט פינקעלענדיגע טרעהרען זיך אנגעפילט.

נאר גאר שטארק געריהרט, צעקאכט און פערפלאמט פון התפעלות איז געווען איינער א יוד מיט א הדרת׳דיג פנים און ברייטע באָרד און פאות, וואס איז געשטאנען עניוות׳דיג, אבגעזונדערט פון אלע, פערשטעקט אין א ווינקעל, מיט שארף איינגעגעסענע אויגען אין דעם יונגעלע און שטיל געוויינט. —

דאס איז געווען ר׳ שמואל סופר, משה׳לעס פאטער...

איבערפולט איז געווען זיין הארץ פון נחת און פרייד, און גיסענדיג טרעהרען איבער׳ן שיינענדיגען פנים, האט ער יעדעס מאל אויפגעהויבען די פערוויינטע אויגען צום באלקען, מיט

אַ הייסען שבח צום רבונו-של-עולם, וואָס האָט איהם געבענשט מיט אַזאַ הייליג, גאונ'יש קינד.

נאָר דאָ האָט פּלוצלונג משה'לע גענומען נאָכזאָגען אין נאָמען פון זיין זיידען, דעם גאון ר' שמואל שאַטון, עפּיס אַ קשיא. און אַז דער עולם איז אַריינגעקומען אין גרויס פער-וואונדערונג איבער דער טיעפקייט און האַרבקייט פון דער קשיא, האָט משה'לע אַ שמייכעל געטהון צו זיי:

— האַ, עפּיס גענוג שווער און האַרב?... איך וועל אייך אָבער ווייזען, — האָט ער העכער אַרויסגערעדט, — אַז מיין זיידע, ער זאָל מיר טויזענד מאָל מוחל זיין, האָט דאָ אינגאַנצען אַ טעות געהאַט, — די קשיא איז קיין קשיא נישט...

און ער האָט מיט פייער גענומען רעדען וועגען דעם ענין, און אויפוויזען מיט ראיות, אַז ער איז גערעכט.

דאָ איז ווער אויפגעשפּרונגען פון אָרט, מיט כעס זיך אַדורכגעריסען דורכ'ן צונויפגעדריקטען עולם צום שטענדער, ביי וועלכען משה'לע איז געשטאַנען, און ס'האָט אַ פייערדיגער פּאַטש אָבגעקלונגען איבער משה'לעס באַק.

— נאַ דיר, שקץ, איינער! אַזאַ העזה אַקעגען אַ זיידען!...

דאָס איז געווען ר' שמואל, משה'לעס פאָטער...

אַז זיין רבי, ר' נתן אַדלער ז"ל, האָט זיך פון דער מעשה דערוואוסט, האָט ער זיין תלמיד'ל בעפוילען, נישט צו רעדען מעהר מיט'ן פאָטער, מורא האָבענדיג, טאָמער וועט ער איהם נאָכאַמאָל איבער עפּיס בעשטראָפען און מבייש זיין...

און ר' שמואל סופר, אַז ער האָט זיך דערפון דער-וואוסט, איז ער בלאַס געוואָרען, און בגנבה אַ טרעהר פון אויג אָבגעווישט...

זעהר אַ שווערער קלאַפּ איז דאָס געווען פאַר איהם! דאָך האָט ער עס מקבל באהבה געווען, און ווי גרויס עס איז נישט געווען זיין ליעבשאַפט צו זיין גאונ'יש קינד, האָט ער פון יענעם טאָג אָן מעהר קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט מיט איהם — נישט צו ברענגען איהם, ער זאָל עובר-זיין אויף זיין גרויסען רבי'נס אַנזאָג...

נאָר משה׳לע האָט נישט געקאָנט איבערטראָגען דאָס לעבען אין שטוב ברוגז׳ערהייד מיט׳ן פאָטער, צו לעבען מיט איהם אונטער איין דאַך, בעגעגענען זיך שטענדיג מיט זיינע טרויעריג־פאַרכטע בליקען, לעכצען איהם עפּיס צו זאָגען, און ציטערען פאַר׳ן רבי׳נס אָנזאָג, צו וועלכען ער איז שוין דאַמאָלס מיט אזא שטארקען ליעבשאַפטס־קנופּ געווען צוגעבונדען, און אז ער האָט זיך דאָס אַרויסגערעדט פאַר׳ן רבי׳ן, האָט איהם יענער איינגאנצען איבערגענומען צו זיך אין הויז אַריין.

אָבער אויך דאָס האָט ר׳ שמואל מקבל באַהבה געווען.

איינע נור האָט זיך צו דעם דאָזיגען אָבגעשיידטען לעבען נישט געקאָנט צוגעוועהנען און לאנג הייסע טרעהרען דערויף פערגאָסען. —

דאָס איז געווען די מוטער זיינע, רייזעל די צדקנית...

ג.

אויפ׳ן וועג קיין באָסקאָוויץ

ביי זיין רבי׳ן אין הויז האָט זיך משה׳לען געלעבט אויפ׳ן בעסטען אופן. ער האָט זיך גיך צוגעוועהנט צו אלע שטוב־מענשען, גיך נושא־חן געווען ביי יעדען, און אויסער וואָס איהם האָט דאָרט קיין שום זאַך נישט געפעהלט, איז ער אויך געווען מיט ליעבשאַפט און צערטליכקייט אַרומגערינגעלט.

משה׳לען אָבער האָט מעהר פון אַלץ געפרעהט דאָס, וואָס ער געפינט זיך אונטער איין דאַך מיט זיין רבי׳ן, וואָס ער קאָן איהם משמש זיין צו יעדער צייט, און הערען חידושי־תורה פון זיין הייליג מויל. פונדעסטוועגען פלעגט זיך אמאָל, גאָר נישט־ווילענדיג, א זיפץ פון זיין הערצעל אַרויסרייסען. די בענקשאַפט נאָך זיין אמת׳ע היים, נאָך טאַטע־מאַמע, איז נישט געווען פערלאָשען אין זיין הערצעל...

פלעגט איהם טיילמאָל, אין מיטען לערנען, א חשק אָנגעמען צו פערמאַכען די גמרא און אהינלויפען אין יענעם

שמאָלען געסעלע, דאָרט, צו יענעם נידריגען, אַלטען הילצער־נעם הײַזעל, ווי זײַנע עלטערן וואוינען, שטיל אונטערגעהן צום פענסטערל, און אַ בליק כאַפּען דורך די שײַבלעך אין שטוב אַרײַן, אפשר וועט ער אין דער מינוט דערזעהן די ווײַסע, שטילע מאַמע איבער דער שטוב זיך אַרומדרעהען, אָדער דעם תמיד פֿערטראַכטען, שווײַגענדיגען טאַטען בײַם טיש זיצען, איבער אַ ספר פֿערטיפֿט...

און עס פֿלעגט אַ שווערע מלחמה פֿאָרקומען אין זײַן קינדערישׁ הערצעל צווישען צוויי שטאַרקע, הײַסע געפֿיהלען: פֿון איין זײַט די הײַסע בענקשאַפֿט און ליבע צו זײַנע עלטערן, און פֿון דער אַנדערער זײַט די גרויסע, שטאַרקע ליבע צו זײַן רבי'ן, און די מורא עובר-צו-זײַן אויף זײַן אָנזאָג...

און די ליבע צו זײַן רבי'ן און דאָס וועלען אָבהיטען זײַן הייליגען אָנזאָג פֿלעגט שטענדיג גובר זײַן. ער האָט זיך פֿון דער גמרא אוועק נישט גערירט. און אום די בענקשאַפֿט צו זײַנע עלטערן צו פֿערגעסען, פֿלעגט ער שטאַרקער זיך צעשאָקלען, און מיט מעהר ברען נעהמען לערנען. און ס'האָבען העלער זײַנע אויגעלעך זיך צושטראַהלט, און דער האַרציגער גמרא-ניגון, ווי אוים די ווײַכסטע סטרונעס אויסגעשפּילט, פֿלעגט זיך גיסען איבער'ן חדר דאָ גיך-גיך, מיט אַ וואָסאַמאָל אַלץ שטײַגענדיגער קראַפֿט, און באַלד לאַנגזאַם, מיט פֿערטראַכטקײַט, ווי אויף שטילע, זײַדענע כוואַליעס געשוואומען...

גאָר נישט-קוקענדיג דערויף, פֿלעגט ער די מוטער זײַנע גאַנץ אָפֿט זעהן. אַ מאַמעס האַרץ האָט עס רוהען נישט געקאָנט, זי זאָל כאָטש איינמאָל אין דער וואָך זעהן איהר איינציגער קינד, וואָס געפֿינט זיך בסך-הכל עטליכע געסלעך ווײַטער פֿון איהר...

פֿלעגט זי שטיל, עפּיס ווי פֿערשעמט, אַרײַנגעהן אין דער ישיבה פֿון ר' נתן אַדלער ז"ל, בלײַבען שטעהן אויף דער שוועל פֿונ'ם חדר, וואו איהר משה'לע פֿלעגט זיצען און לערנען, און קוקען אויף איהם מיט אַ גליקליכען שמײַכעל, מיט צעשטראַהלטע נחת'דיגע אויגען, איבערפֿולט מיט טרעהרען...
אָבער ער פֿלעגט זי נישט בעמערקען, פֿערנומען אין זײַן

התלהבות׳דיג לערנען. נו, שטעהט זי און װאַרט מיט אַ קלאַפּענדיג הארץ, פול מיט די הײסעסטע מוטערליכע געפיהלען, ביז משה׳לע װעט אויף אַ װײַלע אויפהערען לערנען. חלילה, זי זאָל איהם גײן שטערען!...

נאָר אָט האָט משה׳לע זײַנע אויגען פון די ספרים אַרויס אויפגעהויבען, דערזעהן די מוטער אויף דער שוועל שטעהן, און זײַן קינדעריש הערצעל האָט אַ צאַפּעל־געטוהן:

— די מאַמע, די מאַמע איז צו איהם געקומען!...

— שפּרינגט ער אויף פון אָרט און לויפט־צו צו איהר. לאַפּט זי אַרום מיט איהרע װײסע הענד און דריקט איהם פעסט צו איהר הײס־שלאָגענדיגע ברוסט, און ער פילט דערפיהלען, װי עס פאַלען אויף זײַן פּנים׳ל הײסע טראָפּען...

נאָר באַלד שטאַרקט זי זיך. שוין צו־פיעל איז זי איהם מבטל פון לערנען! נעהמט זי אַפּויר אונטער דער פאַטשײלע עפּים אַ פּעקעלע, װאָס משה׳לע נעהמט צו פון איהר מיט גרויס געריהרטקײט, קושט עטליכע מאָל זײַן שטערן, און פערלאָזט די ישיבה.

אָבער די פאַרבײַגעהער אין געסעל האָבען געקאָנט זי זעהען יעדעס מאָל נאָך לאַנג שטעהן אין דרויסען, בגנבה אַרײַנקוקען דורכ׳ן פענסטער אין יענעם חדר, װאו משה׳לע פלעגט זיצען און לערנען, און װײנען שטילערהײד...

עס זענען טעג און װאָכען אַריבער.

משה׳לע לערנט תורות פון זײַן רבי׳ן מיט גרויס פלײס און התמדה. עס זענען פאַר איהם צו קלײן די גרעסטע זומער־טעג, צו־גיך פערשווינדען זײ. לערט ער אויך דערפאַר אַ האַלבע נאַכט, און אַרבײט בכלל איבער זיך, ער זאָל װאָס װעניגער שלאָפען בײַנאַכט, און זוי װעניג ער שלאָפט, דאַכט זיך איהם אויס, אַז עס איז אַלץ צופיעל...

און אַזוי זענען פון װאָכען — חדשים, און פון חדשים — יאָהרען געװאָרען, און שטילערהײד זענען אַכט יאָהר אָבגעלאָפען. משה׳לע איז שוין זעכצעהן יאָהר אַלט געװאָרען, אַלײן אַ בקי בש״ס ופוסקים שוין געװען, און אַלץ בײַ זײַן רבי׳ן, דעם גאון, זיך אויפגעהאַלטען, און פון זײַנע תורה־קװאַלען חכמה געשעפּט...

נאָר דאָ איז משה'לעס זיסע תורה-לעבען פֿון אַ שווערען קלאַפּ אויפֿגעטרייסעלט געוואָרען:

זיין פֿאָטער איז קראַנק געוואָרען, עטליכע טעג שטיל אין בעט געלעגען, שטילערהייד תפילות געשעפּטשעט און רפואות גענומען, משה'לע האָט גאַנצע טעג היים מתפלל גע-ווען צו גאָט פֿאַר זיין פֿאָטערס וועגען, און זיינע אויגען האָבען נישט געטריקענט. אָבער אַריבערצוגעהן אין פֿאָטערס הויז אָהן רשות פֿון זיין רבי'ן האָט ער נישט געקאָנט ביי זיך פּועל'ן, און ביז ער האָט פֿון רבי'ן רשות גענומען, האָט דער פֿאָטער דערוויילע שטילערהייד די נשמה אויסגעהויכט...

לאַנג, לאַנג האָט משה'לע געטרויערט אויף דאָס דאָזיגע שווערע אומגליק, פֿיהלענדיג אַ שווערקייט אויף זיין געוויסען... זיין האַרץ האָט זיך געקאָרטשעט פֿון יסורים, נאָר מפסיק געווען פֿון לערנען האָט ער נישט. זיין ניגון נור האָט יעצט בשעת לערנען געקלונגען פֿול מיט געוויין, קנייטשען האָבען זיך בעוויזען אויף זיין יונגען שטערן, און בעטריבט איז גע-וואָרען זיין ליכטיגער, פֿרייער בליק...

טיילמאָל פֿלעגט ער אַריבערגעהן צו דער איינזאַמער פֿערטרויערטער מוטער זיינע, און פּרובען זי טרייסטען, און פֿלעגט אַליין אַוועק פֿון דאָרט מיט אַ פֿערקלעמט, פֿערביטערט האַרץ, אָבער צוריק קובע-מקום-צו-זיין ביי דער מוטער האָט ער נישט געקאָנט, מחמת אין פֿערלויף פֿון די אַכט יאָהר צייט האָט ער זיך געהאַט צוגעבונדען צו זיין גרויסען רבי'ן מיט אַזאַ אונגעוועהנליכע פֿלאַמענדיגע ליעבשאַפֿט, אַז ער איז נישט בכח געווען אויף איין טאָג זיך מיט איהם צו צושיידען...

און מ'קאָן זיך דעריבער לייכט פֿאָרשטעלען זיין האַרץ, ווען מיט דריי יאָהר שפּעטער, אַז זיין רבי איז אויפֿגענומען געוואָרען פֿאַר אַ רב אין דער שטאָדט באָסקאָוויץ, האָט ער, צוליעב דעם מהלך-רב אַהין, בעשלאָסען נישט מיטצונעמען זיין תלמיד...

טרויעריג איז געוואָרען דער „חתם-סופֿר", אַז ער האָט זיך דערפֿון דערוואוסט, און ער האָט דערפֿיהלט, ווי פֿון טיעף אין האַרצען איז איהם עפּיס וואַרימעס אויפֿגעשטיגען

אין האַלז אַרײַן, שטיקענדיק דאָרט, און באַלד אַרויסרײַסענ־דיק זיך דורך די אויגען אין אַ הײַסען, פֿליסענדיגע שטראָם...

קײנער האָט דאָס נישט געזעהן, און ער האָט זיך אײַן־דער־שטיל גוט אויסגעװײנט. נאָר ער האָט געװאוסט, אַז קוים האָט זײַן רבי אײנמאָל אַזוי בעשלאָסען, איז — פֿער־פֿאַלען.

און אַז עס איז געקומען דער טאָג פֿון זײַן אָבפֿאָהרען, איז זיך צונויפֿגעקומען אַ גרויסער עולם פֿון אַלע עקען שטאָדט, צו געזעגענען זיך מיט'ן גאון ר' נתן אַדלער ז"ל.

איז געזעסען אין זײַן חדר דער גרויסער גאון צעטראָגען אַ ביסעל, און מיט גרויסע פֿער'צער'טע אויגען לאַנג יעדען די האַנד געדריקט. שווער איז איהם געווען צו שײדען זיך מיט די דאָזיגע פרומע קהלה — זײַן געבורטס־אָרט... און געוואָלט האָט ער בײַם אַוועקגעהן פֿון דאַנען אָט יעדען פֿון די יודען מיט עפּיס העלפֿען, און ער האָט מיט ליעבשאַפֿט אַ זאָג גע־טוהן צום עולם:

— טאָמער האָט ווער עפּיס אַ בקשה צו מיר, זאָל ער זאָגען, אפשר וועל איך עפּיס קאָנען אויס'פּועל'ן...

האָבען הונדערטער אויגען אויפֿגעלויכטען. אַלע, אַלע האָבען בקשות צו איהם געהאַט. וועמען לעבט זיך עס אַזוי גוט? וועמען פֿעהלט עס נישט עפּיס?... און ס'האָבען הונ־דערטער הערצער פֿאַר איהם זיך געעפֿענט. יעדער אײנער מיט זײַן בקשה. ווער ס'האָט אַנ'עצה געדאַרפֿט, ווער אַ רפואה פֿאַר אַ חולה, און ווער סתם אַ ברכה אויף פרנסה, קינדער־האָבען אָדער אַ זיווג פֿאַר אַ דערוואַקסענע טאָכטער.

און מיט טיעף־געריהרטע אויגען האָט דער גאון עצות און רפואות געגעבען און יעדען הײס געבענשט.

און אַז דער סדר איז געקומען אויף זײַן תלמיד משה'לען, האָט ער איהם אַ גלעט געטהון איבער'ן הויכען, ווײַסען שטערן און אַ שמײכעל געטהון מיט גרויס ליעבשאַפֿט:

— און דײַן בקשה, משה'לע?...

און גיך און פֿײַערדיג האָט משה'לע אָבגעענטפֿערט:

— מײַן בקשה איז צו זעהן דעם רבי'ן אין באָסקאָוויץ...

— נו, מסכים! — האָט זיין רבי איהם אָבגעענטפערט און געמיינט, דאָס אויף אַ צייט אַרום.

זיין תלמוד אָבער, ווי נור ער איז אַוועקגעפאָהרען, האָט איהם אָנגעכאַפּט אַזאַ הייסע בענקשאַפט נאָך זיין רבי׳ן, ממש ביז כלות־הנפש... נישט מעגליך אויסצוהאַלטען דאָ אין שטאָדט אַליין...

טראַכט ער נישט לאַנג, געהט־אַרויס הינטער דער שטאָדט און לאָזט זיך לויפען צופוס נאָך זיין רבי׳ן קיין באָסקאָוויץ.

און פלינק און לייכט איז ער געלאָפען איבער די אומבעקאַנטע, פרעמדע וועגען, איבער וועלכע זיין פוס האָט נאָך קיינמאָל נישט געטרעטען. דורך וועלדער און פעלדער, איבער בערגער און טאָלען, איז ער געלאָפען, און ביים אַדורכגעהן איבער די דערפער — געהאַט צרות אויסצושטעהן פון שלעכטע דאָרפישע שקצים, וואָס פלעגען די הינד אויף איהם אָנרייצען און יאָגען איהם ביז ווייט אויף יענער זייט וועג אַרוים.

אַזוי איז ער געלאָפען גאָר אָהן אָברוה בערך אַ האַלבען טאָג, און אַז ער איז מיעד און מאַט, שוין גאָר אָהן כוחות, צוגעקומען צו אַ דאָרף און געוואָלט דאָרט אַ ביסעל אָברוהען, זענען איהם בעפאַלען אַ מחנה שקצים, אַז ער האָט זיך קוים פון זייערע הענד אַרויסגעריסען, און, פון זיי נאָכגעיאָגט, מיט די לעצטע ביסעל כוחות גענומען ווייטער לויפען.

און לויפענדיג אַזוי אַ פערסאַפּעטער, מיט אַ שטאַרק קלאַפּענדיג האַרץ, האָט ער געהערט, ווי עס רופט איהם ווער נאָך:

— משה׳לע! משה׳לע!

איז ער שטעהן געבליבען, אַ זעהן, ווער דאָס רופט איהם. דאָ איז צו איהם צוגעלאָפען עפּיס אַן׳עלטערע פרוי, ארומגעכאַפּט איהם מיט ביידע הענד און גענומען קושען זיין קאָפּ. שטאַרק מבובל, האָט משה׳לע גענומען רייסען זיך פון איהרע הענד און בייזערן און שרייען אויף איהר.

— משה׳לע, דו דערקענסט מיך נישט? — האָט די

פֿרוי נאָך פֿעסטער איהם אַרומגעכאַפּט מיט איהרע הענד,
— דאָס בּין איך דאָך דבורה, דײַן אם!...

ערשט איצט האָט משה'לע זיך בּערוהיגט און דער־מאָהנט זיך, אַז זײַן מוטער האָט איהם טאַקי נישט אײַנמאָל, בּשעת ער איז נאָך קלײן געווען, דערצעהלט וועגען זײַן געטרײַע אם דבורה.

און אָט די אַלטע אם זײַנע איז פֿאַר איהם איצט געווען ווי אַ צוגעשיקטער מלאך פון גאָט. זי האָט איהם פֿון די בּײזע שקצים מציל געווען, אַרײַנגענומען איהם אין איהר לעהמענעם שטיבּעל, וואָס איז געשטאַנען אָבּגעזונדערט אין עק דאָרף, און איהם עסען און טרינקען געגעבּען. ער האָט זיך דאָרט אַ בּיסעל אָנגערוהט פון וועג, און דאַנקענדיג איהר הײַם פאַר דעם אַלעם, האָט ער, ווײַט פון דאָרף אַרויס, פֿון זײַן אַלטע אם בּעגלײַט, מיט דערפֿרישטע כּוחות זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן קײַן בּאָסקאָוויץ, צו זעהן דאָס הײליגע פּנים פון זײַן רבּי'ן, נאָך וועלכען ס'האָבּען בּעהאַלטענע כּוחות איהם אַזוי געצויגען...

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

אַ גאַנצען טאָג איז דער גאון ר' נתן אַדלער ז"ל געפֿאָהרען אין זײַן בּעקוועמע קאַרעטע, געשפּאַנט מיט אַ פּאָר פֿערד, וואָס זענען געפֿלויגען — פֿײַל אוים בּויגען. האָט ער טאַקי איבּער'ן טאָג מעהר ווי דרײַ חלקים וועג געמאַכט.

און אַז די נאַכט האָט אָנגעהויבּען צוצופֿאַלען און די שטערענדלעך אויפ'ן הימעל אײנציגווײַז אויפֿצולײַכטען, האָט ער זיך אָבּגעשטעלט איבּערנעכטיגען אין דער אײנציגער קרעטשמע אויפ'ן גאַנצען וועג אַרום, און ווי גרויס איז געווען זײַן חידוש, אַז ער האָט דאָרט געטראָפֿען זײַן תּלמיד, וועלכער איז איהם מיט גרויס שמחה אַקעגען געלאָפֿען...

— מײַן נישט, — האָט ער צו איהם געזאָגט און מיט גרויס ליבּשאַפֿט אַ גלעט איהם געטהון איבּער דער בּאַק, — אַז דו וואָלסט אַ בּריה געווען מיט דײַנע פֿיסלעך: — קפיצת־הדרך האָט דיר געהאָלפֿען!...

און ערשט דאַמאָלס האָט ער רעכט איינגעזעהן זיין תּלמיד'ס ליבשאַפט און צוגעבונדענקייט צו איהם, און ער איז דערפון געווען גערירט ביז טרעהרען.

און זיי האָבען אין קרעטשמע אַ ווינקעלע זיך אויפגעזוכט און אַ גאַנצע נאַכט דאָרט צוזאַמען תּורה געלערנט. און אין דערפריה האָט איהם זיין רבי געהייסען איינזעצען אין דער קאַרעטע און מיטנעמען איהם קיין באָסקאָוויץ.

און, ווי צוויי בעהאָפטענע נשמות, האָבען פון־דאַמאָלס־אָן רבי און תּלמיד זיך שוין נישט צעשיידט מעהר אַ לענגערע צייט.

ד.

צעשיידט זיך אויפ'ס־ניי.

אין זיסער צופריעדענהייט און הויכער שמחה האָבען רבי און תּלמיד געלעבט אין באָסקאָוויץ. דאָס איז געווען אַ ליכטיג נשמה־לעבען, פול דביקות און לויטער זיס געזאַנג. עס האָבען אין זיך געזונגען זייערע נשמות, פון די טיפע תּורה־קוואַלען אויפגעריהרט. וואויל איז דעם אויער, וואָס קאָן דאָס דאָזיגע זיסע, שטילע נשמה־געזאַנג אויפכאַפּען!...

און מיינט נישט, אַז נור ביי די צדיקי־הדור — ביי יעדען איינעם פון אונז זינגט אַמאָל די נשמה אין בעזונדערס שטילע, בעגייסטערטע מינוטען. מיר הערען אָבער נישט דאָס געזאַנג פון אונזער איינענער נשמה. צו־איידעל, צו־רוחניות'דיג איז עס פאַר אונזער אויער, וואָס איז נור צו גרעבערע, גשמיות'־דיגע קלאַנגען געוועהנט...

נאָר ביי זיי, ביי רבי'ן און תּלמיד, איז דאָס געווען אַזין זיס גן־עדן־געזאַנג מיט קליינע הפסקות. דורשטיג האָט דער חתם־סופֿר ז"ל געטרונקען פון די אָבגרונד־טיפע קוואַלען פון זיין רבי'ס תּורה. בייטאָג פלעגען זיי נגלה און ביי־נאַכט נסתּר לערנען.

אַט אַזוי איז אַדורך דרײַ יאָהר צײַט.

דאַן איז פּלוצלונג זײַן רבי אוועק מיט איהם קײַן ווינען.

דאָרט האָט דער גאון ר׳ נתן אַדלער ז״ל געהאַט צרות אויסצושטעהן פון שלעכטע מענשען — בעלי־מחלוקת — צוליעב זײַנע חסידישע מנהגים, צו וועלכע זײַ זענען נישט געווען צוגעוועהנט.

עס האָבען זיך געפונען פאַרשוינען אַזעלכע, וואָס האָבען גע׳טענה׳ט, ווי קורח בשעתו, אַז די גאַנצע עדה איז פרום און גוט, אַלע האָבען פײַנע מדות און גוטע הנהגות, פאַרוואָס־זשע זאָל ער אײנער אַרויסשפּרינגען מיט זײַנע חסידישע מנהגים און דערהויבען זיך איבער אַלעמען?...

און ווײַל ר׳ נתן אַדלער ז״ל איז געווען אַ גרויסער אוהב־שלום און האָט נישט געקאָנט פערלײַדען קײַן שום מחלוקת, האָט ער בעשלאָסען צוריקצוקעהרען זיך אַהײם קײַן פראַנקפורט.

אויף צומאָרגענס האָט ער געהײסען צונויפפּאַקען זײַן ביסעל תפצים, געזעגענט זיך מיט דעם קלײנעם הײַפעלע שטילערע שטאָדט־לײַט, און געלאָזט זיך אין וועג אַרײַן צוזאַמען מיט זײַן הײם־געטרײַען תלמיד.

אַזוי זענען זײַ געפאָהרען צוזאַמען ביז דער שטאָדט פּיאָרדאַ. און געגלויבט האָט זײַן געטרײַער תלמוד, אַז דער רבי וועט איהם אוודאי אויך מיטנעהמען קײַן פראַנקפורט.

אַנדערש אָבער האָט געהאַט בעשלאָסען דער רבי. אָנגעקומען קײַן פּיאָרדאַ און אַ ביסעל אויסגערוהט, האָט ער איהם געהײסען, ער זאָל אוועק קײַן פּראַשניץ און דאָרט זיך בעזעצען. פאַרוואָס און ווען — קײַן וואָרט נישט.

— זײַ געזונד, מײַן קינד, און קום אַהין בשלום! —

און זיצט אַלײן אײַן אין דער פוהר, און הײסט דעם פוהרמאַן די פערד אָנטרײַבען.

טרויעריג און ווײַס ווי קאַלך איז געשטאַנען דער חתם־סופר ז״ל און נאָכגעקוקט נאָך דער פוהר, וואָס האָט זיך ביסלעכווײַז אַלץ מעהר דערווײַטערט, אוועקפיהרענדיג פון איהם זײַן הײם־געליעבטען רבי׳ן.

— ווי אַזוי וועל איך לעבען אָהן איהם? ווי אַזוי?...
ווי אַזוי?... — האָט ער טרויעריג געטראַכט.

זעהר ביטער איז איהם געווען אויפ'ן האַרצען. דער רבי האָט איהם בעפוילען געהן קיין פּראָשניץ, און דאָס האָט זיך איהם זעהר נישט געוואָלט, מחמת ס'האָבען זיך דאָמאָלס דאָרט אויפגעהאַלטען גאַנצע מחנות שבתי־צבי'ניקעס. דעם רבי'נס בעפעהל איז אָבער פאַר איהם, ווי תמיד, הייליג און טייער געווען.

און מיט אַ טרויעריג געמיט איז ער אַוועק קיין פּראָשניץ.

ה.

די חתונה.

צו יענער צייט האָט אין פּראָשניץ געלעבט אַ גרויסער למדן מיט'ן נאָמען ר' הירש יערוויטץ, אַ זוהן פונ'ם אַלטען פּראָשניצער רב ר' משה יערוויטצער ז"ל, וואָס איז ערשט מיט עטליכע חדשים פריהער נסתלק געוואָרען.

אַז דער אַלטער רב איז נפטר געוואָרען, האָט די גאַנצע שטאָדט פּה־אחד פערלאַנגט, אַז זיין זוהן הירשעלע זאָל זיין ממלא מקומו. נאָר דער שטילער ר' הירש האָט דעם כבוד מוחל געווען. ער האָט פיינד געהאַט דאָס רבנות, און געוואָלט בעסער ווייטער זיך פערנעהמען מיט מסחר, איידער צו זיין מנהיג פון אַקהילה.

זיין עיקר מסחר איז געווען מיט וואַלד און תבואה, ער האָט אָבער אויך מיט גאָלד און אבנים טובות געהאַנדעלט, די הצלחה איז איהם אין אַלעם געגאַנגען. אין יערע זאַך האָט ער ברכה און שפע געהאַט. איז דערום געוואַקסען זיין עשירות, עס האָבען זיך שיער געבראָכען פון שווערקייט די שפּייכלער מיט תבואה. וואָס אַמאָל האָבען אַלץ גרעסערע שטיקער לאַנד, מעהר סעדער און וועלדער געהערט צו איהם, און

זיינע קאַסטענעס זענען אַלץ פולער געוואָרען מיט גאָלד און אבנים טובות.

האָט טאַקי ניִשט איין יוד אין פראָשניץ שטילערהייד מקנא געווען ר׳ הירש׳ן: אַזאַ עשירות!... אַזאַ רחבות!... אָט דאָס איז באמת — תורה וגדולה במקום אחד...

און אָט דער דאָזיגער ר׳ הירש איז, ביי זיין גאַנצער עשירות, זינט די פטירה פון זיין פאָטער, אַרומגעגאַנגען אַ פער׳דאַגה׳טער. דאָס איז געווען צוליעב זיין איינציגע שטילע שוועסטער — אַ צניעות׳דיג, אָבער שוין נישט קיין יונג מיידעל, — וואָס האָט נאָך אַלץ געוואַרט אויף איהר בעשערטען.

אַ שוועסטער, אַ יתומה, זאָל, חלילה, פערזיצען, ווי קאָן מען עס רוהען?...

און ער האָט געטהון אַלץ, וואָס עס איז נור געווען אין זיין יכולת. שדכנים האָבען געאַרבייט טאַקי מיט אַלע כוחות. פון נאָהענט און ווייט שידוכים גערעדט, מחותנים אַראָבגעבראַכט אָט, דאַכט זיך, איז שוין אַלץ גוט, דער אויבערשטער האָט שוין געהאָלפען, נאָר ענדיגען פלעגט זיך עס מיט גאָרנישט. באַלד זענען פערשידענע סבות און מניעות געבאָרען געוואָרען, דאָ פון דעם און דאָ פון יענעם צד. סבות און מניעות — ווי אַנ׳אייזערנע וואַנד! נישט אויסצומיידען זיי. —

גאָנץ העלף, אַז די רעכטע צייט איז נאָך נישט געקומען!...

און פונקט צו יענער צייט איז דער חתם־סופר ז״ל אָנגעקומען און בעזעצט זיך אין פראָשניץ. די שטאָדט איז נאָך אַלץ געווען אָהן ערב. און דעריבער, אַז מ׳האָט זיך דערוואוסט אין שטאָדט, אַז עס איז געקומען אַהער אַ פראַנקפורטער בחור — אַ וועלטענער גאון, האָט עס ביי יעדען אַ פרייד אַרויסגערופען. ס׳וועט זיין ביי וועמען אַ דין צו פרעגען, און אין די פרייע אָווענדען און שבתים — תורה לערנען. באַלד זענען אַוועק צו איהם אויף דער אַכסניה די חשוב׳סטע בעלי־בתים, און אַז איינער פון זיי — אַ שטיקעל בן־תורה — האָט בכיון מיט איהם אָנגעהויבען שמועסען אין לערנען, צו זעהן ווי טיעף עס איז זיין דרך־למוד — איז ער נבהל ונשתומם געוואָרען פון זיינע חריפות׳דיגע, גאונישע סברות.

און גיך איז דער חתם־סופר מפורסם געוואָרען אין דער פּראָשניצער קהילה. עס האָט געקאָכט מיט איהם די גאַנצע שטאָדט! עלטערן האָבען זיך געבענשט מיט איהם, ווינשענדיג זיך אזעלכע זיהן און איידעמס, און די שענסטע הייזער האָבען געהאַלטען פאַר אַ זכיה, אַז דער פראַנקפורטער יונגער גאון איז צו זיי אריינגעקומען און עפּיס טועם געווען פון זייער טיש.

און אַז דער חתם־סופר האָט געזעהן, מיט וואָס פאַר אַ שטאַרקען כבוד מ׳נעהמט איהם דאָ אויף און ווי ווייט די יודען אין שטאָדט דורשטען נאָך תורה, האָט ער בעשטימט, אויסער שבת, אויך יעדען וואָכעדיגען טאָג, נאָך מעריב, עטליכע שעה צייט אויף צו לערנען תורה ברבים.

פול־געפּאַקט פלעגט דאַן זיין דאָס גרויסע, אַלטע פּראָשניצער בית־מדרש פון בחורים; עלטערע בעלי־בתים פלעגען זייערע בעסטע געשעפטען פערלאָזען, און קומען הערען דאָס לערנען פונ׳ם יונגען פראַנקפורטער גאון, און שלינגען דורשטיג יעדעס וואָרט מיט אָנגעצונדענע בעגייסטערטע אויגען.

און אַז צו ר׳ הירש יערוויטצער איז אָנגעקומען די ידיעה וועגען דעם יונגען פראַנקפורטער גאון, וואָס לערנט יעדע נאַכט אין אַלטען בית־מדרש מיט אַנ׳עדה יודען און איז מרביץ תורה ברבים — האָט ער אָנגעהויבען קומען אין בית־מדרש אריין צו זיין שיעור; און דער רושם, וואָס דער יונגער גאון האָט אויף איהם געמאַכט, איז ממש אונבעשרייבליך. ער, ר׳ הירש, דער גרויסער למדן, ער איז ערשט דער אמת׳ער מבין געווען אויף די חריפות און גאונות פונ׳ם פראַנקפורטער בחור... האָט ער דעריבער גענומען שטאַרק איהם מקרב זיין, פערבעטען אין זיין הויז, שמועסענדיג מיט איהם אין לערנען, טיילמאָל סתם אַזוי, איבער מילי־דעלמא. זיין גרעסט פערגעניגען פלעגט דאָס זיין!...

שפּעטער אָבער איז איהם אין מוח געבאָרען־געוואָרען אַ מחשבה, וואָס האָט איהם ביסלעכווייז אַלץ שטאַרקער בעהערשט, און מעהר איהם שוין פון זינען נישט אַרויס:

די שוועסטער!...

— סטייטש, וואָס שווייגט ער!...

און איינמאָל זיצענדיג מיט איהם אין זיין רייכען חדר, האָט ר׳ הירש פֿערקניפּט אַ שמועס אויף „לא טוב היות האדם לבדו״, פֿאַרוואָס ער טהוט קיין שידוך נישט? ער איז דאָך שוין לאַנג אריבער שמונה עשרה... און דאַן האָט ער איהם אָפֿען פֿאָרגעלעגט זיך משדך צו זיין מיט איהם. ליעבליך און ווייך האָט ער איהם אויפֿגעוויזען, ווי גערן ער דאַרף דערויף מסכים זיין. אַ שטיל, צדיקות׳דיג מיידעל איז זיין שוועסטער, און נדן, וויפֿיעל ער וויל נור. בעקומט ער פֿון איהם, דערצו אייביגע קעסט, רייכע, נגיד׳ישע, ווי ביי איהם אין הויז, און ער וועט זיך קאָנען זיצען און לערנען אונגעשטערט.

איז עס דעם חתם־סופֿר זעהר געפֿעלען. קאָנען פֿריי זיך אָבגעבען מיט תורה לערנען — עס האָט דאָך קיין שיעור נישט, וויפֿיעל דאָס איז ווערט!...

ענטפֿערט ער ר׳ הירש׳ן:

— מסכים.

שיינט־אויף פֿאַר נחת ר׳ הירש׳ס פּנים. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער זיך צעוויינט פֿאַר שמחה.

טראַכט ער:

אויב אַזוי, צו וואָס־זשע אָבלעגען?...

און צוגערייט אַ סעודה — כּיד־המלך, אין נאָך דעמזעלבען טאָג תנאים געשריבען, טעלער געבראָכען.

— מזל טוב! מזל טוב!

און אָבגעלעגט דעם זמן־החתונה אויף גאָר אַ קורצע צייט.

דער חתם־סופֿר ז״ל האָט אָבער נישט געוואָלט חתונה האָבען אָהן דער הסכּמה און ברכה פֿון זיין מוטער; דעריבער, אַז דער זמן־חתונה האָט זיך דערנעהנטערט, איז ער אַהיים געפֿאָהרען קיין פֿראַנקפֿורט און, נאָך אַזוּפֿיעל יאָהרען זיין צעשיידט, וויעדער איבערגעטרעטען די היימיש־ליעבע שוועל פֿון זיין מוטערס הויז.

גרויס און שטאַרק איז געווען די שמחה פֿון זיין פֿריהצייטיג אַלט־געוואָרענע מוטער, אַז זי האָט איהר איינציגען,

טײַערען זוהן דערזעהן אין איהר אָרימען שטיבעל. זי האָט איהם לאַנג געקושט און געהאַלזט און פֿון איהרע שטראַהלענדע אויגען האָבען זיך פֿאַר שמחה לויטערע טרעהרען געגאָסען.

נאָר אַז רײַזעל די צדקניות האָט זיך דערוואוסט, וואָס עס האָט דעם זוהן צו איהר געבראַכט, האָט זי — פֿון זײַן אַלטען רבי'ן, דעם בעל הפלאה ז"ל, אָנגערעדט — נישט געוואָלט מסכים זײַן אויף דעם שדוך, וועלענדיג, ער זאָל בעסער בלײַבען אין פֿראַנקפֿורט. אויך זײַן געליעבטער רבי, ר' נתן אַדלער ז"ל, איז געווען געגען דעם, אַז ער זאָל נעהמען אַ ווײַב, וואָס איז מיט אַ סך יאָהרען עלטער פֿון איהם, און ער האָט איהם פֿון זײַן זײַט פֿאָרגעלעגט אַ שידוך מיט אַ פֿראַנקפֿורטער גרויסען עושר'ס אַ טאָכטער. אַ מײדעל — אַ כשר'ע, פֿרומע, יודישע טאָכטער.

זעהר שווער איז געווען דעם חתם-סופֿר נישט צו פֿאָלגען זײַן מוטער און זײַן געליעבטען רבי'ן, נאָר נאָך שווערער איז איהם אָבער געווען אָבצולאָזען דעם שידוך און ברעכען דאָס וואָרט, וואָס ער האָט געגעבען דעם פּראָשניצער עושר, ר' הירש'ן, און נאָך אַ שווערען ישוב-הדעת האָט ער דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבען געמוזט געהן געגען דעם רצון פֿון זײַן מוטער און רבי'ן. און גלײַך אויף צומאָרגענס איז ער אַוועקגעפֿאָהרען, אָהן זײער הסכמה, צוריק קײַן פּראָשניץ.

אָבער דאָרט האָט איהם בעגעגענט אַ פֿרישער אונגעריכטער קלאַפּ: אַ געזעץ איז אַרויס פֿון מלכות, אַז קײַן אויסלענדער טאָר זיך נישט בעזעצען אויף שטענדיג אין מעהרען דער מדינה.

וואָס טהוט ער איצט? פּראָשניץ געפֿינט זיך אין רשות פֿון מעהרען — און אויב ער האָט חתונה, מוז ער אַרויסציהען פֿון דאָרט און נעהמען אויף זיך דעם עול הפרנסה, וואָסשע וועט זײַן מיט זײַן תורה?

אפֿשר אָבלאָזען דעם שדוך? נאָר טאָר ער דען דאָס? און זײַן וואָרט, וואָס ער האָט געגעבען?... אַנ'עלענדע יתומה!...

נײַן, מען מוז שואל־עצה זײַן בײַם רבי׳ן, און שרײַבט־ אן אַ בריוו.

געהען אָבער אַדורך דרײַ חדשים צײַט, און קײַן ענטפֿער פֿון רבי׳ן איז נישטאָ. איז בײַם חתם־סופֿר ז״ל שוין מעהר קײַן ספק נישט געווען, אַז דאָס שווײַגט זײַן רבי דערפֿאַר, ווײַל ער וויל נישט נעהמען די אחריות אויף זיך...

און ער האָט אַ טראַכט געטהון:

— אם־כן, איז ער דאָך אומזיסט ר׳ הירש׳ן און זײַ, די כּלה, מצער...

איז ער תיכּף אַרײַן צו ר׳ הירש׳ן אין חדר און ערקלערט, אַז דאָס געגעבענע וואָרט — בעשטעהט, שדוך — בלײַבט שדוך, און מ׳קאָן זיך נעהמען גרײַטען צו דער חתונה.

האָט זיך באַלד אָנגעהויבען אין שטוב אַ קאָכענדיגע אַר־ בײַט בײַם צוגרײַטען אַלץ אויף דער חתונה.

עס זענען די טײַערסטע מלבושים געוואָרען אויפֿגענײַהט, און אַ חתונה־מאָלצײַט צוגעגרײַט — נאָר גראַפֿיש.

און אַז מ׳האָט דעם חתן צוריק פֿון דער חופּה גע־ פֿיהרט, און די כּלי־זמרים האָבען געאַרבײַט אויף אַלע כּלים שפּיעלענדיג אַ פֿרעהליכס, איז אָנגעקומען פֿון פֿראַנקפֿורט אַ בריוו צו איהם פֿון זײַן רבי׳ן, אין וועלכען ער האָט איהם מתּיר געמאַכט אָבצולאָזען דעם שדוך און געבעטען איהם, אַז ער זאָל תּיכּף קומען אַהײַם, וואו ער וועט ווערען אויפֿ־ גענומען פֿון יעדען מיט שמחה און געזאַנג.

און געזעהן האָט מען, אַז דער רבי האָט דעם בריוו אַרויסגעשיקט נאָך מיט 3 חדשים צוריק, נאָר מן השמים האָט מען איהם מעכּב געווען אין וועג.

דערפֿון האָט דער חתם־סופֿר ז״ל אײַנגעזעהן, אַז מ׳האָט פֿון הימעל געוואָלט, אַז ער זאָל ר׳ הירש׳ס שוועסטער פֿאַר אַ ווײַב נעהמען.

באַלד נאָך דער חתונה האָט דער גאון זיך אַריבער־ געצויגען מיט זײַן ווײַב אין שטעדטיל סעמניץ, וואָס בײַ דער מעהרישער גרעניץ, און ער האָט זיך דאָרט געלעבט

שטיל און צופריעדען, אבגעגעבען זיך נור מיט תורה=לערנען, בעזארגט מיט אלעם בעסטען דורך זיין שוואגער ר׳ הירש.

ו.

דעם שוואגערם ירידה.

אין דער צייט, ווען דער חתם=סופר ז״ל האט זיך געלעבט אין סעטניטץ שטיל, אבגעזונדערט פון דער וועלט, בלויז אין זיינע ד׳ אמות של הלכה — האט דער עושר, ר׳ הירש, דארט אין פראשניץ נישט גערוהט. איהם איז זעהר שווער געווען צו לעבען אבגעריסען פון זיין יונגען גאונ׳ישען שוואגער, צו וועלכען ער האט זיך צוגעבונדען מיט אזא הייסער ליעבשאפט. דערוועקט ער די פראשניצער ראשי=קהלה און זיי נעהמען און שיקען=אוועק א בקשה צום קייזער: היות, ווי דער יונגער פראנקפורטער גאון האט געוואוינט שוין עטליכע יאהר אין פראשניץ און איז מיט זיינע מדות און מעשים טובים געווען א ציערונג און א מוסטער פאר אלע דארטיגע יודען, על=כן בעטען זיי ביי הוד מלכותו, אז ער זאל איהם ערלויבען צו בעזעצען זיך אין פראשניץ אויף שטענדיג. געדויערט עס נישט לאנג, קומט=אן פון קייזער אן ערלויבעניש פאר איהם, נישט נור צו מעגען וואוינען אין פראשניץ, נאר אויך אין גאנץ מעהרען דער מדינה. האט דער חתם=סופר גענומען זיין וויב און זיינע ספרים און צוריק איבערגעצויגען זיך קיין פראשניץ אין זיין שוואגערם הויז אריין. און דאמאלס האט ער ערשט רעכט מיט׳ן גאנצען פלאם פון זיין ברענענדיגער נשמה איבערגעגעבען זיך זיינע הייליגע ספרים. און אויב פריהער האט ער זיך אויך דערווייטערט פון אלע תענוגי עולם הזה, האט ער איצט כמעט בלויז מיט תורה זיך געשפייזט, פערברויכענדיג זעהר ווייניג אויף זיין גוף: איין איינציג קיכעל מיט א ביסעל קאווע פאר א גאנצען מעת=לעת און גענוג. געשלאפען איז ער אויך זעהר

ווענינ. צוויי, העכסטענס דריי שעה אין דער נאכט. נאר דאס האט איהם נישט אבגעשוואכט, און מיט שטענדיג פרישע כוחות פלעגט ער זיצען אין זיין אבגעשלאסענעם חדר און לערנען טאג און נאכט, נישט מיעד צו ווערען.

זענען אדורך אזוי צוויי יאהר.

אונטער דער צייט האט זיך דאס מזל אינגאנצען אבגעטהון פון זיין שוואגער. עפים א קללה ר"ל האט אנגעהויבען רוהען אויף יעדער זאך, פאר וועלכער ער האט זיך גענומען. כסדר שלעכטע מסחרים, א סך געלד האבען איהם בעלי-חובות צוגענומען, און דערצו האבען אפטע אונגליקען זיך געמאכט און פון פערמעגען איז אלץ ווענינגער און ווענינגער געבליבען.

דאס אלץ אבער איז דעם חתם-סופר ז"ל נישט בעוואוסט געוועזען. ער איז זיך, ווי פריהער, געזעסען ביי זיין שוואגערס טיש, און דאס ווענינגע, וואס ער האט געברויכט, האט ער, ווי פריהער, צו דער צייט געהאט. לפנים איז נאך אלץ אין הויז געפיהרט געווארען אויפ'ן נגיד'ישען שטייגער, כאטש דער דלות האט זיך שוין געהאט פערקליבען אין שטוב אריין.

מיט אלע מעגליכקייטען האט ר' הירש זיך געסטארעט צו פערבארגען זיין אמת'ן מצב פאר זיין גרויסען שוואגער, כדי איהם נישט מצער צו זיין. ארימקייט אבער לאזט זיך נישט לאנג בעהאלטען, בפרט פאר א בן-בית.

און איינמאל, פרייטאג-צו-נאכטס, — שוין לאנג האט דער שבת-קודש אין זאנפטע, מילדע רוה געהאט פערוויעגט דעם יודישען שטאדט-טייל פון פראשניץ, וואס האט מיט די העל-ברענענדיגע שבת-ליכט פון די פענסטער ארוים, מיט שטילען נחת געבליקט צו די גאלדענע, סודות'דיגע שטערענדלעך אין טיעף-בלויען הימעל אריין. שוין איז פון שוהל געקומען דער חתם-סופר ז"ל פון מלאכים בעגלייט. פרעהליך האבען געברענט די ווייסע שבת-ליכט אין די בלאנקענדיגע לייכטער און וואנד-העסעם, און זיס און פרעהליך האט איבער דער צוגעקליבענער שבת'דיגער שטוב געקלונגען זיין זינגענדיגער „שלום עליכם". און עס האט זיך גערדאכט, אז אין

דער מינוט האָט יעדע זאַך אין שטוב נאָך מעהר חן בעקומען און אונטערגעלאָפט פרעהליך:

„שלום עליכם, מלאכי השרת, —
מלאכי עליון...“

און אַט האָט דער חתם־סופר זיין קידוש־כוס מיט ווײַן אָנ־געגאָסען און געוואָלט אָנהויבען קידוש מאַכען, נאָר דאָ איז זיין בליק געפאַלען אויף זיין שטיל, צניעות׳דיג ווייב, וואָס איז היינט עפּיס נאָך ווייטער, ווי תמיד, אָבגערוקט פון טיש געשטאַנען, און ער האָט בעמערקט עפּיס אַ זאַך, פון וואָס ער איז געבליבען שטעהן פער׳חידוש׳ט: זי האָט נישט געטראָגען אויפ׳ן קאָפּ די שבת־הויב מיט די גאָלדענע פעדעם, נאָר די וואָכענדיגע...

שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט דעם ביטערען סוף: רבי הירש האָט אויף קידוש קיין ווײַן נישט געהאַט און שטאַרק זיך מצער געווען, און ווען זי האָט דערזעהן, אַז דער שבת איז שוין נאָר נאָהענט, האָט זי געלאָפט די שבת־הויב און פער׳משכנ׳ט פאַר עטליכע גילדען און געקויפט ווײַן.

ערשט דעמאָלט האָט דער חתם־סופר ז״ל פערשטאַנען, אין וואָס פאַר אַ מצב זיין שוואגער געפינט זיך, און ער האָט בעשלאָסען באַלד אי״ה נאָך שבת אַרויסצוציהען זיך פון זיין שוואָגערס הויז, כדי נישט שווערער צו מאַכען זיין עול, און מפרנס זיין זיך מיגיע כפּו.

כדי נישט דאַרפען מאַכען פון דער תורה אַ קרדום לחפור בה, האָט ער תחילת געהאַט בעשלאָסען אויסצולערנען זיך עפּיס אַ מלאכה, פון וועלכער ער זאָל זיך קאָנען מפרנס זיין, און אין די פרייע צייט אָבגעבען זיך מיט תורה לערנען. דאָס אָבער אויסצופיהרען האָט זיך אַרויסגעוויזען שווערער, ווי ער האָט געגלויבט. ער איז שוין דאַמאָלט דרייסיג יאָהר אַלט געווען, און די הענד זענען פון לאַנגען לערנען תורה אָבגעשוואַכט געווען...

און בינו לבינו, אַזוי טראַכטענדיג און זוכענדיג, צו וואָס פאַר אַ זאַך ער זאָל זיך נעהמען, איז איהם דאָס קליינע

ביסער געלד, וואָס ער האָט געהאַט, אויסגעגײַנגען, ממש כלתה פרוטה מן הכיס, און אַז עס איז געקומען אין זײַן הויז אַרײַן אַן אָרימאַן אַ נדבה בעטען, האָט ער איהם קײַן פרוטה נישט געהאַט צו שענקען, און ער פֿלעגט דערפֿון האָבען גרוים שברת=הלב.

נאָר איין טײַערער חפץ איז בײַ איהם נאָך איבערגע=בליבען: אַ טלית קטן מיט זילבערנע קנעפּלעך. פֿלעגט אַ=רײַנקומען אַן אָרימאַן און ער האָט נישט געהאַט וואָס איהם צו געבען, האָט ער אָבגעשניטען אַ זילבערנעם קנעפּעל, און געשיקט פֿערקויפֿען. אַ העלפֿט פֿונ׳ם געלד פֿלעגט ער נעהמען פֿאַר זיך, און אַ העלפֿט אָבגעבען דעם אָרימאַן.

און אָט אין דער דאָזיגער צײַט, ווען דאָס דחקות אין זײַן הויז איז געוואַקסען פֿון טאָג צו טאָג, האָבען די דרעז=ניטצער ראשי=קהילה שליחים צו איהם געשיקט, פֿאָרלעגענדיג איהם איבערצונעהמען בײַ זײַ דעם כסא הרבנות. און כאָטש עס האָט זיך איהם אויך נישט געוואָלט אויסניצען דעם כתר של תורה, האָט ער אָבער אײַנגעזעהן, אַז דאָס איז מן השמים, און באין ברירה מסכים געווען צו ווערען בײַ זײַ רב.

יענעם טאָג, ווען ער האָט געדאַרפֿט אָנקומען קײַן דרעזניטץ, איז במעט קײַן איין מענש נישט געבליבען אין שטאָדט, וואָס זאָל נישט אַרויס דעם נײַעם רב מקבל=פּנים זײַן. די קרעמער האָבען זײַערע קראָמען געשלאָסען, בעלי=מלאכות — האַמער און שער אַוועקגעלעגט, בית=מדרש=יודען — דאָס בית=מדרש פֿערלאָזט, און אַלע, פֿערזאַמעלט אין איין גרויסער מחנה, זענען, דעם נײַעם רב מקבל=פּנים צו זײַן, אַרויס ווײַט הינטער דער שטאָדט. און אַז די קאַרעטע, אין וועלכער דעם חתם=סופֿר ז״ל איז געזעסען מיט די שליחים, האָט זיך פֿון דערווײַטען בעוויזען, האָט אַ גרויסער עולם זיך געלאָזט אַקעגען לויפֿען און מיט גרויס שמחה און התלהבות אויסגעשפּאַנט די פֿערד און גענומען ווער בײַ די דישלעם און ווער בײַ די רעדער... אַז דער חתם=סופֿר האָט דאָס דערזעהן, האָט ער זיך אַרויס געטהון פֿון אָרט און איז גלײַך אַרויס געשפּרונגען פֿון דער קאַרעטע, אָבער די שטאָדט=

לאַט האָבען איהם מיט־געוואלד צוריק אַריינגעזעצט און מיט כבוד אַזוי אַריינגעבראַכט אין שטאָדט אַריין.

און ווי נור ער האָט איבערגענומען דאָס כסא־הרבנות אין דרעזניטץ, האָט דאָרט אין פּראָשניץ ר' הירש'ס מזל צוריק אָנגעהויבען שיינען, זיינע געשעפטען האָבען זיך גלייך פערבעסערט, און ער האָט ווידער געהאַט אין יעדער זאַך ברכה און שפע.

דערפון האָט דער חתם־סופר ז"ל בעשיינפערליך איינגעזעהן, אַז די גאַנצע זאַך איז מן השמים, — האָט ער זיך געפרעהט, וואָס ער האָט מקיים געווען דעם רצון פון הימעל...

ז.

זיין תלמיד ר' פנחס־לייבעלע.

זינט דער חתם־סופר האָט איבערגענומען דאָס כסא־הרבנות אין דרעזניטץ, האָט זיין נאָמען אָנגעהויבען וואַקסען אין דער גאַנצער מדינה. וועגען זיין גאונות האָט מען אין די גרעסטע לומד'ישע קרייזען גערעדט מיט גרויס התפעלות און כבוד, און דאַמאָלס האָבען די רייכסטע קהילות געגאַרט איהם צו האָבען ביי זיך פאַר אַ רב און בקשה־בריעף און שליחים צו איהם געשיקט. צווישען אַנדערע קהילות האָט מען איהם אויך פון פּראָשניץ געבעטען, ער זאָל איבערנעהמען דאָס כסא־הרבנות, נאָר דער חתם־סופר האָט בעסער בעשלאָסען אָנצונעהמען די רבנות אין מאַטערסדאָרף.

אין דער נייער שטאָדט זענען מיט'ן חתם־סופר מיטגעפאָרען הונדערטער תלמידים זיינע פון דער גרויסער ישיבה, וואָס ער האָט געהאַט מיסד געווען אין דרעזניטץ. אונמעגליך איז זיי געווען צו שיידען זיך מיט זייער גרויסען רבי'ן! באַלד האָבען אָנגעהויבען קומען אַ סך לומד'ישע בחורים קיין מאַטערסדאָרף פון די וויטסטע קאַנטען. אַלע מיט אַ ברענענדיגען

דורשט צו הערען חרושי תורה פון דעם גרויסען גאון. און די נייע ישיבה האט רייך נעבליהט און געוואקסען, ארויס-געבענדיג א סך גדולי ישראל.

צווישען די דאזיגע שטערען איז געווען איינער מיט'ן נאמען ר' פנחס-לייבעלע, א זעלטענער למדן און ירא-שמים, וואס איז צווישען די איבעריגע דרעזניצער תלמידים מיט-געקומען קיין מאטערסדארף. דער חתם-סופר האט איהם שטארק מקרב געווען, ליעב איהם געהאט — אהבת-נפש, און לסוף איהם משדך געווען מיט זיין ווייב'ס א קרובה — א צניעות'דיג מיידעל, א יתומה, וועלכע ער האט אין זיין שטוב אויפגעהאדעוועט, — און געגעבען איהם נדן, שענע מתנות און עטליכע יאהר קעסט, בהרחבה, ביי זיין טיש. ווארום צו יענער צייט האט איהם אליין דער אויבערשטער נאך נישט געהאט געבענשט מיט קיין קינדער און די יתומה אין שטוב איז געווען פאר די רבנית א טרייסט...

ווער איז עס געווען דער דאזיגער פנחס-לייבעלע? כדאי איהר זאלט עס וויסען:

ווען דער חתם-סופר איז נאך געווען אין דרעזניטץ, איז איינמאל, א פארמיטאג, בשעת ער האט געלערנט אין דער ישיבה מיט זיינע תלמידים, אריינגעקומען אהין א בחור פון א יאהר פופצעהן-זעכצעהן, א יונג מיט א פערגרעבט פנים, נאר מיט אויגען — פלאם-פייער, און געבעטען, מ'זאל איהם אריינגעהמען אין דער ישיבה, וויל ער האט זעהר א שטארקען חשק צום לערנען תורה. די תלמידים האבען אויסגעשאסען מיט א געלעכטער, נאר דער חתם-סופר האט זיך אויף זיי אנגעבייזערט:

— די תורה הקדושה — האט ער געזאגט — איז בע-שאפען פאר אלעמען גלייך, ווער ס'האט נור באמת חשק צו לערנען זי...

און ער האט דעם בחור מקרב געווען, און בעשטימט עטליכע ישיבה-בחורים, וואס זאלען מיט איהם לערנען, יעדער אין א בעשטימטער צייט אין טאג.

אנגעהויבען מיט איהם לערנען, זענען זיי אבער באלד אבגעשטאנען, אונמעגליך געווען אין איהם עפיס אריינצוקנעלען.

אַ שרעקליך שווערען קאָפּ געהאַט, דערצו האָט ער גלייך פערגעסען דאָס, וואָס מ'האָט איהם מיט שווערער מיה קוים אויסגעלערנט.

פלעגט־זיך דער בחור דערפון מצער זיין, אָבער זיין גרויסען חשק צום לערנען האָט דאָס נישט אָבגעשוואַכט. ער האָט, פערקעהרט, מיט אַלץ מעהר התמדה און איבער־געגעבענהייט געלערנט, אַ סך מאָל יעדער זאַך איבערגע'חזר'ט, און געמאַטערט זיך צו געדענקען עס. כל הבא לטהר... — מ'האָט איהם פון הימעל צוגעהאָלפען, און ער איז אין אַ צייט אַרום געוואָרען אַ מופלג בתורה, ביז ער איז נאָך דער חתונה אויפגענומען געוואָרען אין מאַטערסדאָרף פאַר אַ דיין אונטער דער השגחה פון זיין רבי'ן. —

דאָס איז געווען ר' פנחס־לייבעלע.

זייענדיג נאָך אין דרעזניטץ, האָט מיט'ן חתם־סופר און דעם דאָזיגען תלמיד זיינעם, ר' פנחס־לייבעלע, פאַסירט אַזאַ מעשה:

ויהי היום, גאַנץ פּלוצלונג, איז ר' פנחס־לייבעלע מסוכן־קראַנק געוואָרען, און פון טאָג־צו־טאָג האָט זיך זיין קראַנקהייט געשטאַרקט און פערערגערט, און עס האָט שוין געהאַלטען ביי יציאת נשמה. איז ער געלעגען אויפ'ן טויטען־בעט, אַרומגערינגעלט פון זיינע ישיבה־חברים, וועלכע האָבען געגאָסען הייסע טרעהרען. פּלוצלונג האָט זיך די טהיר געעפענט און ס'איז אַריינגעקומען צום חולה אין חדר אַריין זייער רבי, דער חתם־סופר ז"ל, און אַ וועקגעזעצט זיך ביי זיין בעט, געהייסען אַרויסגעהן פון דאָרט די אַלע, וואָס האָבען זיך אין חדר געפונען.

שטוינען אַלע: וואָס האָט עס זייער רבי דאָ צו טהון אין דער צייט, ווען יענער איז שוין נוטה למות?... נאָר זיי פערלאָזען דעם חדר, אַז דער רבי בעפעהלט אַזוי.

איינער אָבער פון די תלמידים האָט דעם רבי'ס בע־פעהל נישט געפאָלגט, און שטילערהייד זיך בעהאַלטען הינטער אַ שאַנק, צו זעהן, וואָס דער רבי וועט דאָ טהון.

זעהט ער פון הינטער דער שאַנק אַפּיר, ווי דער רבי בויגט־זיך־אַריבער איבער דעם חולה'ס בעט, קוקט איהם

טיעף אַרײַן אין די אײַנגעפֿאַלענע, האַלב־פֿערלאָשענע אויגען, און ער הערט ווי ער פֿרעגט איהם שטיל:

— זעהסטו עפּיס, מײַן קינד?...

— יאָ, רבי, — האָט דער תּלמיד קוים אַרויסגערעדט, — איך זעה, אַז אַנ'אַלטער גרײַזגרויער מאַן איז אַרײַנגעקומען און רעכטס פֿון מײַן בעט זיך אַוועקגעשטעלט.

אַ שטיל־שווײַגען.

— און וואָס זעהסטו איצט, מײַן קינד? — האָט איהם דער רבי אין עטליכע מינוט אַרום ווידער געפֿרעגט.

— איך זעה — האָט דער תּלמיד אָבגעענטפֿערט — זעקס הײליגע מענער שטעהען דאָ רעכטס און לינקס פֿון מײַן בעט און זענען זיך מתוכּח איבער מיר: העלפֿט זענען מיך דן לכּף זכות, און העלפֿט — לכּף חובה. אָט איז אַרײַנגעקומען אַ זיבעטער, אַנ'אַלטינקער, אָנגעטהון אין ווײַסען, און אָט ווײַזט ער אָן מיט'ן פֿינגער אויפ'ן רבי'ן. „אין זײַן זכות — בעט ער זיך — אין זכות פֿון רבי'ן"...

— אויב אַזוי, פֿרעה־זשע דיך, פּנחס־לײבעלע! — האָט דער חתם־סופֿר צו איהם אַ זאָג געטהון מיט שמחה.

דאַן האָט אינ'ם חולה פֿריש חיות אָנגעהויבען אַרײַנדרינגען, נײַ־בעלעבענדיגע כּוחות; דורך די אָדערן האָט אַלץ וואַרימער און געזינדטער אָנגעהויבען דאָס בלוט צו פֿליסען, און ביסלעכווײַז איז ער געשטאַרקט געוואָרען, און אין עטליכע טעג אַרום איז ער אינגאַנצען געזונד געוואָרען.

פֿון דאַמאָלס אָן איז די ליעבשאַפֿט צווישען רבי'ן און תּלמיד נאָך הײסער און שטאַרקער געוואָרען. דאָס איז געוועזען אַ פֿײַערדיגע ליעבשאַפֿט, אֶמת'ע אהבת־נפש...

ח.

דאָס יתום'ל.

אין שוהל־געסעל, שוין בײַם עק שטעדטעל, איז געשטאַנען

אַ הילצערן הײַזעל מיט קלײנע פענסטערלעך, וואָס פלעגען פאַרנאַכט־צײַט אויסזעהן ווי גרויסע, אָנגעכמורעטע, פינ־סטערע אויגען, מיט וועלכע דאָס הײַזעל האָט געקוקט שטומער־הייד אין דער וועלט־אַרײַן...

דאָס הײַזעל איז געווען זעהר אַנ׳אַלטס. קײנער אין שטעדטעל האָט שוין נישט געוואוסט, ווען און דורך וועמען דאָס הײַזעל איז אויפגעשטעלט געוואָרען. פון די שנײען, ווינטען און רעגענס, וואָס זענען יאָהר־אײַן יאָהר־אויס דערויף געפאַלען, זענען די ווענט שוין געווען שטאַרק אָנגעבויגען און צעפוילט, און דער דאַך — אויסגעקרימט און דיק מיט מאָך בעוואַקסען.

דאָס הײַזעל האָט געהערט צו קהל, און געוואוינט האָבען דערין דער חתם־סופר ז״ל צוזאַמען מיט׳ן מאַטערס־דאָרפער שוהל־חזן, ר׳ נתן.

אײנער איבער׳ן אַנדערען איז עס אויסגעקומען: דער חתם־סופר — אויפ׳ן אויבערשטען שטאָק, און דער חזן — אין אונטערשטען. און געשטאַנען איז דאָס הײַזעל אויף אַזאַ אָרט, אַז אַראָבקוקענדיג דורכ׳ן פענסטער פון אויבערשטען שטאָק האָט מען געקאָנט זעהן אַלץ, וואָס עס טהוט־זיך אויפ׳ן בית־עלמין, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווײַט פון דאָרט.

האָט דער חתם־סופר ז״ל אײנמאָל, שפּעט בײַנאַכט, אָבערײַסענדיג זיך אַ ווײַלע פון זײַן התלהבות׳דיג לערנען, אַ קוק־געטהון דורכ׳ן פענסטער, גאַנץ צופעליג, אַריבער אין בית־עלמין אַרײַן, וואָס האָט גערוהט אין אַ געדיכטער שוואַרצער פינסטערניש, און ס׳האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער זעהט דאָרט שטעהן אונבעוועגט עפּיס אַ בעקאַנטע געשטאַלט אָנגעטהון אין תכריכים. דער חתם־סופר איז פאַר שרעק פון אָרט אויפגעשפּרינגען, דערקענענדיג אין דער געשטאַלט דעם חזן, ר׳ נתנ׳ען...

דער דאָזיגער ר׳ נתן אָבער, ווײס ער, לעבט און איז געזונד און פריש... זעהט דערין דער חתם־סופר זעהר אַ שלעכטען סימן פאַר יענעם...

און אין דער פריה, אַז די תלמידים זײַנע קומען־זיך־צונויף אין זײַער בית־מדרש׳ל אַרײַן, הײסט ער זײ שטעלען זיך תהלים

זאָגען און בעטען פֿאַר׳ן חונ׳ס וועגען. ווײסען זײ אַלע, אַז ר׳ נתן איז געזונד און עס פֿעהלט איהם ב״ה קײן שום זאַך נישט. נאָר אַז דער רבי הײסט, פֿרעגען זײ קײן קשיות נישט, און שטעלען זיך תהילים זאָגען. און אַז ר׳ נתן איז יענעם פֿריה=טאָגען, ווי יעדען טאָג, אַרײַנגעקומען אין בית=מדרש׳ל אין אַ ספֿר אַרײַנצוקוקען, זעהט ער ווי אַלע תלמידים שטעהען און זענען הײס מתפלל. פֿרעגט ער נישט פֿאַר וועמען דאָס איז, נאָר נעהמט אַ תהילים אין דער האַנד, און זאָגט מיט פסוק אַחר פסוק, מיט אַ צעבראָכען, מיטפֿיהלענדיג האַרץ פֿאַר יענעם חולה...

אָבער אויך די צווײטע נאַכט האָט זיך דעם חתם=סופֿר פֿאָרגעשטעלט דאָסזעלבע טרויעריגע געשטאַלט פֿון ר׳ נתנ׳ען, ווי ער שטעהט אויפֿ׳ן בית=עלמין, צווישען די מצבות, אײַנגעהילט אין תכריכים... און ווידער האָט ער אין=דער=פֿריה געהײסען זײַנע תלמידים תהילים זאָגען פֿאַר׳ן חזנ׳ס וועגען. אָבער יענעם טאָג איז שוין ער, ר׳ נתן, נישט געקומען אין בית=מדרש׳ל אַרײַן מצרף זײַן זיך בײַם תהילים=זאָגען, ווײַל ער האָט זיך בײַנאַכט דערפֿיהלט קראַנק, און שוין פֿון בעט נישט געקאָנט אַראָב...

און אויך די דריטע נאַכט האָט זיך דעם חתם=סופֿר פֿאָרגעשטעלט דאָסזעלבע טרויעריגע בילד. און דיזעלבע נאַכט טאַקי האָט זיך ר׳ נתנ׳ס קרענק פֿערשטאַרקט, ס׳איז איהם ערגער געוואָרען פֿון מינוט צו מינוט, און נאָך דיזעלבע נאַכט האָט ער די נשמה אויסגעהויכט.

אַ לויה האָט ער געהאַט גאָר אַ שעהנע. קינד=און=קײט אין שטעדטעל זענען געגאַנגען דעם חזן דעם לעצטען כבוד אָבגעבען. ר׳ נתן אָבער, נאָך זײַן גאַנצען חזנ׳ישען שם, האָט איבערגעלאָזט זײַן ווײַב אין גרויס אָרימקײט, בעפֿאַלען מיט קינדער, פֿון וועלכע דאָס יונגסטע איז געווען אַ זויגענדיג קינד, מיט׳ן נאָמען עזרא׳לע. און אָט דעם קלײנעם יתומ׳ל האָט דער חתם=סופֿר אַרײַנגענומען אין זײַן הויז, צאָהלענדיג דער מוטער שכר פֿאַר׳ן צוזויגען עס, און די שוועסטער אַ בעזונדער שכר פֿאַר׳ן פֿערשפּיעלען עס און אָבהיטען. אָבער אויך דער חתם=סופֿר אַלײן פֿלעגט דערויף השגחה געבען.

גרויס איז געווען זיין ליעבשאַפט צו דעם דאָזיגען יתום'ל — און אַז ער פלעגט דערהערען אינ'ם צווייטען חדר, אין מיטען פערברענטסטען לערנען, ווי דאָס קינד האָט זיך צעוויינט, פלעגט ער גיך אַריין דערצו, אָנבויגען זיך איבער'ן וויגעלע און צוזינגען דעם קליינעם עזרא'לע, האַרציגע ניגונים צו־זינגענדיג איהם, און דערביי פלעגט ער קלאַפּען מיט'ן פוס איבער דער פּאָדלאָגע, ביז די מוטער פלעגט הינטען אין שטוב דערהערען און קומען אַרויפצולויפען אָנזויגען איהר זוהנדעלע.

דאַמאָלס ערשט פלעגט פערשווינדען דער צער פון זיין פנים, און אַ בערוהיגטער איז ער אַוועק אין זיין חדר, וואו ער פלעגט זיך צוריק פערטיפען אין זיינע ספרים אָדער האָפען זיך פערציילענען אין „פנקס” די „שאלות ותשובות”, וועלכע האָבען אין יענער מינוט אויפגעבליצט אין זיין גאונ'ישען מוח...

מ.

די שרפה.

די גאַנצע נייַן יאָהר צייט, וואָס דער חתם־סופר האָט פערבראַכט אין מאַטערסדאָרף, און די פינף יאָהר — אין דרעזניץ, [האָט ער תורה געלערנט נור מעומד און פלעגט אפילו אין שבתים וימים טובים אין בעט נישט שלאָפען.

אין זיין אָבגעזונדערטען ענגען שטיבעלע אין מאַטערס־דאָרף, אין וועלכען ער פלעגט ס'רוב אַליין פערברענגען, איז געווען אַ קליין פענסטערעל, דורך וועלכען עס פלעגט גאָר וועהניג ליכט אין דעם שטיבעל אַריינדרינגען, און אום בעסער צו זעהען, פלעגט ער שטעהן ביי דעם דאָזיגען פענסטערעל איינגעבויגענערהייד און לערנען, נישט פיהלענדיג קיינמאָל קיין מידקייט. און אַז ער פלעגט שלעפעריג ווערען,

די ברעמען — שווערע ווי בלײַ — איז נישט מעגליך געווען מעהר אויפצוהאַלטען, פלעגט ער די פוס אין קאַלטען וואַסער אַרײַנטהון, צו פערטרײַבען פון זיך דעם שלאָף. ווען ער האָט אָבער גאָר שטאַרק דערפיהלט דעם דוחק אַ ביסעל איבערצושלאָפען־זיך און אָבפרישען דעם מוח, דאַמאָלס פלעגט ער אָנשפאַרען דעם שטערען אויף אַנ׳אויפגעשטעלטען שליסעל און אַזוי אײַנשלאָפען... פערשטעהט־זיך אַז אַזוי־אַרום האָט ער לאַנג שלאָפען נישט געקאָנט, ווײַל באַלד פלעגט דער שליסעל אומפאַלען, און ער פלעגט זיך אויפכאַפען. דער דאָזיגער קורצער מינוטיגער שלאָף איז אָבער פאַר איהם גענוג געווען. שוין איז ווידער זײַן מוח פריש און קלאָר געווען.

אָט אויף אַזאַ אופן האָט ער געלעבט גאַנצע פיערציהן יאָהר, דערבײַ האָט ער אין דרעזניטץ געהאַט פרנסה בריות, אין יעדער זאַך — ברכה און שפע, און אויסער זײַנע שטובהוצאות האָט ער נאָך געקאָנט אויסהאַלטען אַ גרויסע ישיבה בהרחבה; דאַגעגען אין מאַטערסדאָרף האָט ער געהאַט פרנסה בדוחק, אויף אַזויפיעל, אַז דעם פנקס, אין וועלכען ער פלעגט פערשרײַבען זײַנע חדושי תורה, האָט ער געמוזט אויך בענוצען אויף צום פערשרײַבען דאָרט גאַנץ געוועהנליכע שטאָדט־ענינים, נישט האָבענדיג קײנמאָל קײן איבריגען גראָשען אויף פאַפיער. עס פלעגט איהם אויך שטאַרק מצער זײַן, צוזעהענדיג, ווי שווער עס קומט־אָן דער שטאָדט אויסצוהאַלטען זײַן גרויסע ישיבה.

און דעריבער האָט ער זיך דערפרעהט און גערן באַלד מסכים געווען, אַז אַ גרויסע אונגאַרישע קהילה האָט געשיקט צו איהם שליחים אויפצונעהמען פאַר אַ רב. עס האָט זיך איהם זעהר געוואָלט זעהן זײַן ישיבה גרויס און רײַך אויפגעבליהט, האָבענדיג אויף אַלע הצטרכות׳ן, און דאָרט אין יענער גרויסער, רײַכער קהילה האָט ער עס געהאָפט צו דערגרײַכען.

און אָט האָט ער שוין מודיע געווען וועגען דעם די מאַטערסדאָרפער בעלי־בתים און הײַנט־מאָרגען שוין גערעכענט איבערצופאָהרען אויפ׳ן נײַעם אָרט. פלוצלונג איז אינ׳ם

גוי'אישעֶן ברוי־הײַזעֶל אַ שרפה אויסגעבראָכעֶן, וואָס האָט ניך אַרומגעכלאַפּט אין פלאַמעֶן די אַרומיגעֶ אויסגעטריקענטעֶ הילצערנעֶ הײַזלעךְ, און בּיסלעכווײַז האָט דאָס שרעקליכעֶ בראַנד־פײַער זיך פערשפרײַט איבער'ן גאַנצעֶן שטעטעֶל. פון הויז צו הויז, פון געסעֶל צו געסעֶל, האָט עס זיך געטראָגעֶן מורא'דיג בושעֶנדיג און קנאַקענדיג, און עס האָבעֶן זיך הויך צום הימעֶל געהויבעֶן גרויסעֶ וואָלקענס־רויך און רויטע פײַערזײַלען, אָנוואַרפעֶנדיג אַ פחד אויף די אײַנוואוינעֶר פון די אַרומיגע דערפעֶר. פונ'ם גאַנצעֶן בליהענדעֶן שטעטעֶל זענעֶן נור געצעהלטעֶ עטליכעֶ הײַזלעךְ ניצול געוואָרען פון דעֶר שרעקליכעֶר שרפה. ווײַטער איז אַלץ, דאָס גאַנצעֶ שטעטעל'דיגעֶ האָב־און־גוטס אַוועק מיט'ן רויך. די גרעסטע נגידים זענעֶן מיט אײַן קלאַפּ עניים ואביונים געוואָרעֶן, און טויזעֶנדעֶר נפשות האָבעֶן זיך געוואַלגערט אונטעֶר'ן פרײַעֶן הימעֶל, נישט־האָבעֶנדיג אויף מזון סעודה אַחת.

שרעֶקליך איז געוועֶן דאָס אונגליק! נאָך קײנמאָל איז אין יעֶנעֶ מקומות אַזאַ שרפה נישט געהאַט פאָרגעֶקומעֶן.

און צוזעֶהענדיג אָט דאָס אַלץ, האָט דעֶם חתם־סופר'ס גרויסע רחמנות'דיגע האַרץ זיך געקאָרטשעט פאַר צער און וועהטאָג. ער האָט שוין איצט נישט געטראַכט וועגעֶן פעֶרלאָזעֶן די אָבגעברענטע, אַזוי שרעקליך בדלות־געוואָרעֶנעֶ קהילה. ער האָט שוין איצט כלל נישט געטראַכט וועגעֶן פערבעסערן דעם מצב פון זײַן בני־בית, און אַפילו פון דער ישיבה, דאָס וואָס עס איז געוועֶן דעֶר גאַנצעֶר תוכן פון זײַן לעבעֶן. — איצט האָט ער נאָר אײנס געטראַכט, ווי אַזוי אַמשנעֶלסטעֶן צו בעקומעֶן הילף פאַר דער שטאָדט.

— הילף! הילף, יודעֶן, פאַר די מאַטערסדאָרפעֶר קהילה, וואָס איז פון הימעל אַזוי ביטער געשטראָפט געוואָרעֶן! —

פון די טיעפסטעֶ טיעפעֶניש פון זײַן האַרצעֶן איז געקומעֶן דאָס וועה־געשרײַ און דעֶם שטאַרקסטעֶן רושם געמאַכט איבער דעֶר גאַנצעֶר מדינה. ווײַט בערוהמט און געאַכטעֶט איז עֶר שוין דאַמאָלס געוועֶן, און פון אַלעֶמעֶן בעליעבט, נישט קוקענדיג אויף זײַן גאַנצעֶ שטרענגקײַט אין פסק־הלכות

און חילוקי־דעות מיט אַלע דאַמאָלסדיגע גאונים. אַפילו זײַנע אָפּענע מתנגדים האָבען דעם נאָמען זײַנעם מיט כבוד און יראה דערמאָהנט, און עס האָט דעריבער פון אַלע יודישע קהילות, וואוהין עס האָט נור דערגרייכט זײַן קול־קורא נאָך הילף, אָנגעהויבען אָנקומען הילף מיט דער ברייטער האַנד.

ביסלעכווייז האָט זיך מאַטערסדאָרף געַנומען אָפּבויען. אַ הײַזעל נאָך אַ הײַזעל, אַ שטעלכעל נאָך אַ שטעלכעל איז אויסגעוואַקסען אויף דעם אָרט פון די קאַלטע, שוואַרצע חורבות, וואָס פלעגען בײַנאַכט אַזאַ פחד אויף יעדען אַנ־וואַרפען. ווער ס׳האָט געקאָנט, האָט דערבײַ די געבליבענע רעשטען פון זײַן אָבגעבּרענטער נחלה צוגענוצט. נאָר בײַ דער גאַנצער רײַכער הילף, וואָס איז אָנגעקומען פון אַלע קאַנטען פון דער מדינה, האָט נאָך אַ גאַנץ לאַנגע צײַט געהערשט אַ גרויסע דחקות אין שטעדטעל. און נאָך שטאַרקער ווי פאַר דער שרפה האָט איצט פון דחקות געליטען דער חתם־סופר ז״ל. דאָך האָט ער אויך איצט וועגען פערלאָזען די קהילה נישט אָנגעהויבען טראַכטען אפילו, זעהענדיג ווי די גאַנצע טרײַסט אויף אַלע איהרע צרות געפינט זי אין איהם...

ק.

אין חלום...

דאָס איז געווען אין אַ טריבען, קאַלטליכען, מרא־שחורה׳־דיגען טאָג, סוף־אֶלול־צײַט *). יענעם טאָג האָט דער הימעל אויף קיין איין רגע נישט אויפגעהערט צו גיסען זײַנע שווערע, קאַלטע טראָפּען אויף דער בלאָטיגער ערד. דיק בעדעקט פון בלײַענע וואָלקענס, האָט דער הימעל אויסגעזעהן ווי אײַנ־געהילט צו זײַן אין שוואַרצען, קלאָגענדיג אויף עפּיס־וואָס...

---

*) זיבען־און־צוואַנציג־טעג אין אלול אין יאָהר תק״ס.

און יעדער קלאַנג, וואָס פֿלעגט אויפֿציטערן אין דער קיהלער, פֿייכטער לופֿט, האָט אָבגעקלונגען אַזוי טרויעריג, ענהליך צו אַ פֿערשטיקט געוויין...

אַסך, אַסך הייסע טרערען זענען יענעם טאָג פֿערגאָסען געוואָרען אין פֿיעל יודישע קהילות, וואוהין די טרויעריגע ידיעה האָט נור דערגרייכט. דאָס העלע ליכט, וואָס האָט אַלענגערע צייט די יודישע וועלט בעלויכטען, איז פּלוצלונג פֿערלאָשען געוואָרען. יענעם טאָג איז פֿון דער וועלט צוגענומען געוואָרען דער גאון ר׳ נתן אַדלער ז״ל.

אַז דער חתם=סופֿר האָט זיך דערוואוסט וועגען די פּטירה פֿון זיין הייס געליעבטען רבי׳ן, האָט ער קריעה געריסען און אויסגעבראָכען אין אַ געוויין. שרעקליך איז געוועזן זיין צער! און הגם ער האָט שוין אַסך יאָהרען געלעבט אָבגעזונדערט פֿון איהם, גאָר פֿון דערווייטען, דאָך האָט ער איצט אַ געפֿיהל געהאַט, ווי מ׳וואָלט פֿון איהם אַ טייל פֿון זיין אייגען האַרץ, אַ שטיק פֿון זיין אייגענער נשמה צוגענומען...

דעמזעלבען טאָג נאָך האָט ער זיין רבי׳ן אין פֿול=געפּאַקטען בית=מדרש מיט אַ גרויליך געוויין מספּיד געוועזן, ליעגענדיג אין שרעקליכע אבלות אויף דר׳ערד פֿאַר׳ן אָרון=קודש, און געריהרט פֿון זיין געוויין און פֿון זיינע האַרץ=שניידענדיגע הספּד=ווערטער האָט דער גאַנצער עולם ביטער מיטגעוויינט.

פֿונדעסטוועגען איז פֿאַר איהם זיין רבי׳ס פּטירה גאָר אונגעריכט נישט געוועזן. אויף אַ גרויסער צרה ר״ל האָט ער זיך געריכט, ווייל עטליכע נעכט כסדר, ווי נור ער איז איינגעשלאָפֿען, פֿלעגט ער אין חלום דערזעהן פֿאַר זיך אַ גרויסע ספֿר=תורה איינגעהילט אין שוואַרצען... און יעדעס מאָל פֿלעגט ער נשתומם ווערען און פֿרעגען ביי דער ספֿר=תורה:

— זאָג, הייליגע תורה, פֿאַרוואָס האָט מען דיך אין שוואַרצען אָנגעטהון?

און אַשטייגער ווי די ספֿר=תורה וואָלט איהם ענטפֿערן:

— דו קענסט דאָך דעם מנהג פֿון דיין געבורטס=שטאָדט,

אין אַ תּענית־צבור, אָדער אַזוי אין אַ צרה־טאָג ר״ל, אָנצו־קלײדען די ספרי־תּורות אין שוואַרצען...

אויפלאַפענדיג זיך אין־דער־פריה, פלעגט ער דעם חלום געדענקען, אָבער קײן געניעם פּתרון אויף איהם האָט ער נישט געוואוסט. ערשט אַז ער האָט זיך דערוואוסט וועגען זײן רבי׳ס פּטירה, האָט ער בעקומען אַ רעכטען און קלאָרען בעשײד אויף דעם חלום...

אַז אַ צדיק־הדור שטאַרבט, ווײנט די תּורה און קלײדט־זיך־אָן אין שוואַרצען...

יא.

דער אַלטער שמש.

שוין דרײַ יאָהר זענען געהאַט אַדורך, זינט דער אַלטער פּרעשבורגער רב, דער גאון ר׳ משולם טיסמניץ ז״ל, איז נפטר געוואָרען, און פּרעשבורג איז נאָך אַלץ אָהן אַ רב געווען, אָהן אַ דיין און אָהן אַ מנהיג — כּצאן בלא רועה... זעהר שטאַרק האָט די פּרעשבורגער קהילה געטרויערט נאָך איהר אַלטען רב, און נישט געטראַכט דערווײל וועגען אַ ממלא־מקומו.

און אַז מ׳האָט זיך צום סוף אַרומגעזעהן, אַז עס איז אונמעגליך פאַר דער שטאָדט אויסצוקומען אָהן אַ רב, האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט די פּרעשבורגער ראשי קהילה צו בע־טראַכטען, וועמען מען זאָל אויפנעהמען פאַר אַ רב אויף דעם אָרט פון הײליגען ר׳ משולם׳ן...

פאַר ראוי דערצו האָבען די פּרעשבורגער „פּני״ אײנגע־פונען די דרײַ גאונים: ר׳ עקיבא אײגער, ר׳ ברוך פרענקעל, און ר׳ שלום אולמאַן זכרונם לברכה. אָבער וועמען פון זײ קלײבט מען אויס? וועמענס קאָפּ זאָל די רבנות־קרוין בע־ציערען?...

האָט פערקניפּט־זיך וועגען דעם אַהייסער וכוח, און אין מיטען דערינען הויבט־זיך־אויף איינער פון די נכבדי העיר און צערעדט זיך מיט פייער, אַז דאָס כסא־רבנות דאַרף ביי זיי גאָר פערנעהמען דער חתם־סופר, דער מאַטערסדאָרפער רב, וואָס איז אַזוי בעריהמט מיט זיין גאונות און צדקות. און שטעלט זיך שטאָהל און אייזען פאַר זיין הצעה.

ווירקען זיינע רייד אויף די איבעריגע. פון חתם־סופר'ס גאונות האָט יעדער פון זיי גענוג זיך אָנגעהערט, זענען אַלע דערויף מסכים.

בעטראַכט מען זיך אָבער באַלד, אַז הגם אונטער די אויגען, דאָך וועט עס אַפחיתת־הכבוד זיין פאַר די איבעריגע דריי גאונים, וועגען וועלכע עס איז שוין דאָ גערעדט געוואָרען, אַז מען זאָל איצט זיי גאָר אָבוואַרפען. בלייבט בהסכם, אַז אַגורל זאָל די זאַך בעשיידען...

דער גורל איז אויסגעפאַלען אויף דעם חתם־סופר ז"ל, און די פרעשבורגער קהילה האָט זיך שטאַרק דערטיט געפרעהט, איינזועהענדיג דערין, אַז אַזוי וויל מען פון הימעל...

איינער נור פון די נכבדי־העיר איז דערפון נישט געבליבען צופריעדען. דעם דאָזיגען האָט זיך זעהר געוואָלט, אַז פאַר רב אין זייער קהילה זאָל ווערען אויפגענומען זיינער אַקרוב, אַגרויסער תלמיד־חכם און דערצו אַן'עושר. ער האָט אָבער געמוזט פערבייסען מיט די ליפּען און זיין אונצופריעדענהייט פערבאָרגען, איינזועהענדיג, אַז איצט, נאָכ'ן גורל וועט ער שוין אַוודאי גאָרנישט מאַכען...

און בשעת אין פרעשבורג איז געוועזען פרעהליך, אַחיי־טערקייט און פרייד איז געלעגען אויסגעגאָסען אויף אַלעמענס פנים'ער, און גרויס און קליין האָבען זיך געגרייט מיט אונגעדולד מקבל־פנים־צו־זיין דעם נייעם רב, — האָט זיך דאָרט אין מאַטערסדאָרף געטהון חשך. טרויעריג זענען אַלע געוואָרען, אַז מ'האָט זיך דערוואוסט, אַז די פרעשבורגער קהילה וויל אַריבערנעהמען צו זיך זייער רבי'ן, און אַז דער רבי האָט שוין דערויף מסכים־געוועזען. אַשווערער אומעט האָט אַרויס־געבליקט פון יעדען'ס אויג און אַן'אינערליכע פוסטקייט האָט געמאַטערט זייערע הערצער.

— ווי אַזוי וועלען זיי איצט לעבען? וואָס פֿאַר אַ פּנים וועט האָבען די שטאָדט אָהן זייער גרויסער רבי׳ן, וואָס פּלעגט זיי מיט פּראַכט און רוהם אָנפֿיהלען?...

און עס האָט זיך פֿערזאַמעלט די גאַנצע שטאָדט אַרום דעם אַלטען שטיבעל, וואו עס האָט געוואוינט דער חתם־סופֿר ז״ל. אויסגעלעדיגט איז געוואָרען דאָס בית־מדרש, געשלאָסען זענען געוואָרען די קראָמען, עס האָבען די ווייבער אַלע זייערע הויז־בעשעפֿטיגונגען איבערגעלאָזט און אַלע האָבען זיך געשטופּט און געדרענגט צום חתם־סופֿר אין שטוב אַריין און מיט געוויין זיך געבעטען, אַז ער זאָל פֿון זיי נישט אַוועקגעהן, נישט איבערלאָזען זיי כּצאן בלא רועה.

אָבער דאָ האָבען זיי פֿון זייער רבי׳ן זיך דערוואוסט אַ זאַך, וואָס האָט אין יעדען אַ שרעקליכען צאָרן אָנגעצונדען. שוין עטליכע טעג זענען געהאַט אַדורך, זינט דער חתם־סופֿר האָט צום ראש הקהילה דעם שטאָדט־שמש געשיקט מיט עטליכע תנאים, וואָס ער האָט גערעכענט, אַז די שטאָדט איז ביכולת זיי מקיים צו זיין, און דאַן וואָלט ער קיין פּרעשבורג נישט געפֿאָהרען. אָבער ביז היינט איז דער שמש מיט קיין שום תשובה נישט געקומען. הייסט עס דאָך, אַז זיין אַוועקגעהן איז זיי ניחא, און ער האָט דאַדורך בעשלאָסען אַריבערצופֿאָהרען קיין פּרעשבורג, און ער וועט עס אי״ה מקיים זיין.

קורע־כּדג־זיין האָט די שטאָדט געוואָלט דעם שמש, פֿאַר די מעשה־נבלה, וואָס ער האָט אָבגעטהון, נישט איבער׳חזר׳נדיג דעם ראש־הקהל אַפֿילו איין וואָרט דעריבער. בלאַס און דערשראָקען איז געווען דער אַלטער שמש פֿון די בעלי־בתּים׳ס אָנגעצונדענע אויגען און צע׳כעס׳טע שטימען, אָבער ער האָט זיך געהאַלטען פֿעסט, אָהן חרטה אויף דאָס אָבגעטהוענע.

און אַז מ׳האָט איהם אַריינגעבראַכט צום חתם־סופֿר ז״ל, האָט ער אויפֿגעהויבען זיינע אַלטע, ציטערדיגע הענד, צום צייכען, אַז ער בעט, עס זאָל שטיל ווערען. און שטיל איז געוואָרען דער אויפֿגעבראַכטער, טומלענדיגער עולם אויס נייגיער, מיט וואָס וועט זיך עס דער בוגד פֿערענטפֿערן.

און דער אַלטער קהל'ס-שמש האָט מיט אַ ציטערדיג קול, פול מיט טרעהרען אָנגעזאָפּט, צום עולם אַזוי געזאָגט:

— אמת, אַז דער רבי האָט מיך געשיקט צום ראש-הקהל, איך זאָל איהם און זיין הייליגען נאָמען איבערגעבען די און די תנאים. איך בין אויך גלייך אַוועק צום ראש-הקהל די שליחות אויספיהרען, אָבער אין וועג האָב איך מיך מיישב געוועזען, אַז עס איז בעסער פאַר'ן רבי'ן, איך זאָל צום ראש-הקהל גאָר נישט געהן... וואָרום כאָטש איך האָב ליעב די קהילה ווי זיך אַליין, האָב איך אָבער נאָך ליעבער דעם אמת, און איך האָב מיר געטראַכט, אַז ס'איז גלייבער דער רבי זאָל אַריבער קיין פּרעשבורג, מחמת דאָרטען, אין די גרויסע, רייכע קהילה, וועט ער האָבען די מעגליכקייט גרעסער צו מאַכען דעם קיבוץ פון זיינע תלמידים, די ישיבה וועט ערשט רעכט אויפבליהען, און איהר אור התורה וועט די וועלט ליכטיג מאַכען. אונזער קהילה אָבער איז אַ קליינע און אָרימע און האַלט בדוחק אוים אפילו די איצטיגע קליינע ישיבה פון אונזער רבי'ן. און דאַדורך האָב איך כלל נישט מודיע געוועזען דעם ראש-הקהל, דאָס וואָס דער רבי האָט מיר בעפוילען... זאָל דער רבי געהן בשלום קיין פּרעשבורג, און ווינשט איהר איהם אויך אַלע, אַז ער זאָל געהן בשלום און קומען בשלום!

נאָך די דאָזיגע ווערטער, וואָס דער אַלטער שמש האָט מיט פייער אַרויסגערעדט, איז איינגאַנצען אָבגעקיהלט געוואָרען דער כעס ביים עולם.

קיינער האָט שוין איצט נישט געפּרובט בעטען ביים רבי'ן, ער זאָל בלייבען, ווייסענדיג, אַז עס איז אומזיסט...

און צומאָרגענס אין-דערפריה האָט דער חתם-סופר, פון דער גאַנצער שטאָדט ווייט אויפ'ן וועג אַרויסבעגלייט, געלאָזט זיך פאָהרען קיין פּרעשבורג.

יב.

אין וועג.

די נסיעה קײַן פרעשבורג איז צוגעגאנגען אויפ'ן בעסטען אופן. די פערד זענען געפלויגען פײַל אוים'ן בויגען, דאס געזעס אין דער קארעטע איז געווען בעקוועם און ווייך, האט דער חתם־סופר כמעט גאר קײַן מיעדקײַט נישט געפיהלט פון דער לאנגער נסיעה.

אײן זאך נור האט איהם איבער'ן גאנצען וועג גע־מאטערט: דער קבלת־פנים אין פרעשבורג...

ער האט נאך גוט געדענקט דעם רוישענדיגען קבלת־פנים, וואס ער האט געהאט אין דרעזניטץ, און הײַנט־זשע וואס קאן שוין זײַן אין פרעשבורג, וואס איז פיעל מאל אזוי גרויס אין רײַך... און זײַענדיג אנ'אמת'ער בורח מן הכבוד, האט דאס איהם אביסעל דאגה פערשאפט... און ער איז געזעסען א פערזארגטער אין דער קארעטע, וואס האט זיך גיך געטראגען איבער פעלדער און וועלדער, יעדעס מאל האט זיך זײַן הויכער, ווײַסער שטערן, אין טיפע קנײַטשען צונויפגעצויגען, און עפים אנ'אונרוהיגקײַט צוזאמען מיט א שטילען צער האט ארויסגעבליקט פון זײַנע טיפע, ליכטיגע אויגען...

ער האט אבער נאך נישט בעוויזען אנצוקומען קײַן פרעשבורג, קוים א האלבען וועג אהין געהאט געמאכט, ערשט אנ'אונגעריכטער, פרישער צער!...

געווען איז עס אזוי:

אנגעקומען אין א דארף ארײַן און אבגעשטעלט זיך דארט אביסעל אברוהען, זעהט דער חתם־סופר, ווי פון דער צווײַ־טער זײַט וועג יאגט־אן א פוהרעל, אויף וועלכען עס זיצט שטארק צעקאכט עפים אנ'אונבעקאנטער יוד. באלד איז דאס פוהרעל מיט רעש אנגעפאהרען אין דארף ארײַן, נאר דער פוהרמאן, פון דעם פארשוין זײַנעם צוגעאײַלט, האט נישט

ברעה געהאט זיך אפצושטעלען רוהען אין דעם דאָרף, מ'האט געזעהן, ווי ער איילט זיך צוליעב עפּיס זעהר א ווילכטיגען ענין...

נאָר אַט האָט דער אונבעקאַנטער יוד דערזעהן דעם חתם־סופר צוגעהן צום הייזעל פון דעם איינציגען יוד, וואָס האָט אין דעם דאָרף געוואוינט, און א דערפרעהטער געהייסען דעם פוהרמאַן שטעהן בלייבען.

דאָס איז געווען א פּרעשבורגער בן־עיר, וואָס איז דעם חתם־סופר עקסטרע אקעגען־געפאָהרען מיט די עצה־טובה, אז ער זאָל אהין ניט קומען, ווייל ער האָט דאָרט געקריגען זעהר א סך מתנגדים, צווישען זיי די גרעסטע עשירים און לומדי תורה (דאָס איז געווען די אַרבייט פון יענעם אונצו־פריעדענעם נכבד־העיר, וואָס האָט אַלץ ניט גערוהט דער־פאַר, וואָס זיין קרוב ווערט דאָרט פאַר קיין רב ניט אויפ־גענומען) — און ווייל ער האָט מורא, אז ער זאָל דאָרט, חלילה, קיין פחיתת־הכבוד און בושה ניט האָבען, על־כן עצה'ט ער דעם רבי'ן, אז ער זאָל בעסער צוריקפאָהרען קיין מאַטערסדאָרף...

אַז דער חתם־סופר האָט דאָס דערהערט, האָט ער שווער אָבגעזיפצט און שטעהן־געבליבען טיעף פערטראַכט...

וואָס?... וואָס זאָל ער איצט טהון?...

און שטעהענדיג אַזוי אין מחשבות פערזונקען מיט א טיעף־געהרונצעלטען שטערן, דאָ אויפהויבענדיג און באַלד אַראָבלאָזענדיג די געדיכטע ברעמען איבער די מיט עצבות פערפולטע אויגען — האָבען זיך איהם פון הייליגען מויל אַרויסגעריסען די ווערטער:

— תמיד, ווען איך האָב געדאַרפט עפּיס אַן עצה זיך האַלטען, פלעגט מיר דער רבונו של עולם צושיקען ר' מרדכי'לען, ווי וואָלט ער מיר אויך איצט צוניץ געקומען!...

און ווי־נור ער האָט די ווערטער אַרויסגערעדט, האָט זיך דערהערט פון וועג א סקריפּען און קלאַפּען פון רעדער און א קנאַקען אין־דער־לופט פון א בייטש, און באַלד איז אָנ־געפאָהרען מיט רעש א פוהרעל מיט א פּאָר פערשטויבטע,

פערסאפעטע פערד, שטעהן־געבליבען אין מיטען דארף, און פונ'ם פוהרעל איז ליכט ארונטערגעשפרונגען זיין בעל־יועץ ר' מרדכי'לע, מיט די קלוגע, פייערדיגע אויגען, און אַ־קעגען געלאפען מיט אַ טרייסטענדיגען שמייכעל אויף די ליפען:

— זארג נישט, אהובי ידידי, האב קיין מורא נישט פאר דיינע מתנגדים! עס היטען מלאכים דיינע טריט... פאהר לשלום, דו וועסט מצליח זיין!...

און ארויסגערעדט די ווערטער, איז ער איהם אונטער דער האנד פערשוואונדען, נעלם געווארען צוזאמען מיט'ן אנטרייבער און פערד און וואגען, אז עס האט זיך נישט געזעהן אין די ווייסע ערד קיין סימן אפילו פון קיין ראד...

פערשטעהט דער חתם־סופר, אז דאס אלץ איז געשעהן אין דמיון, און אז דאס איז געווען אַ רמז פון הימעל, אז ער זאל פאהרען קיין פרעשבורג, נישט־קוקענדיג אויף קיין שום זאך. —

לאזט ער זיך ווייטער אין וועג אריין פול מיט בטחון צו גאט צוזאמען מיט'ן שליח, וואס האט פון דאס אלץ גאר־נישט געזעהן און גארנישט געהערט... נאר נישט געוואגט איצט מעהר אבצו־ווענדען איהם פון אריינפאהרען קיין פרעשבורג.

י"ג.

זיין לעבען אין פרעשבורג.

עס זענען קוים אדורך עטליכע טעג, זינט דער התם־סופר ז"ל איז אנגעקומען קיין פרעשבורג, און שוין זענען די הערצער פון זיינע שטארקסטע מתנגדים איבערגעקעהרט גע־ווארען צום גוטען, אונטערטעניג איהם געווארען און געצויגען צו איהם...

זיין פשטות און ענוות אין לעבען, זיין הויכע מאס ליעבע פאר אלע בעשעפעניש'ען, די גרויסע לעבענס־פרייד,

וואָס האָט תמיד אַרויסגעשרטאַהלט פון זיינע מילדע, הייליגע אויגען, צוזאַמען מיט זיין חכמה און גאונות, האָבען גיך צוגעבונדען צו איהם זיינע מתנגדים. אויך דער למדן ר׳ זלמן־ליב, צוליעב וועמען עס זענען—דורך יענעם נכבד־העיר זיין קרוב, אויפגערייצט — אויפגעשטאַנען אַזוי פיעל מתנגדים געגען דעם חתם־סופר האָט זיך צו איהם צוגעבונדען מיט אַ אמת׳ע פייערדיגע ליעבשאַפט, פערשווינדען איז זיין קנאה־שנאה. בעבדא בפני מרן, פלעגט איצט שטעהן דער גרויסער למדן און עושר פאַר דעם חתם־סופר און דורשטיג טרינקען פון זיינע אונערשעפליכע תורה־קוואַלען...

אַז יענער נכבד־העיר, וועמען די חרטה האָט שוין אַזוי אויך געפייניגט, האָט־זיך דערוואוסט וועגען דעם, האָט ער דערפיהלט אַ שווערקייט אויפ׳ן האַרצען, ווי עס וואָלט־זיך דאָרט אַ שווערע, דריקענדיגע משא צעלעגט... ווי אַ שלאַנג האָט איהם איצט די חרטה געביסען, נישט געבענדיג איהם קיין מנוחה נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט!

און אַז ער איז לסוף אַריבערגעגאַנגען צום חתם־סופר ז״ל, מיט די דעה מיט הייסע טרעהרען אָבצוואַשען פאַר איהם זיין חטא, איז ער שטעהן געבליבען אויף דער שוועל, הכנעה׳דיג־געבויגען, נישט קאָנענדיג קיין טריט ווייטער שטעלען און נישט קיין וואָרט פון מויל אַרויסברענגען...

אָבער דער חתם־סופר אַז ער האָט דעם נכבד־העיר דערזעהן שטעהן אַ הכנעה׳דיג־געבויגענעם אויף דער שוועל, איז ער איהם אַקעגען געלאָפען און מיט גרויס ליעבשאַפט און פריינדליכקייט איהם פערבעטען אין חדר אַריין.

— ברוך הבא! אַ, וואָס פאַר אַ גאַסט! וואָס פאַר אַ גאַסט!...

און אַז יענער האָט דערזעהן ווי פריינדליך דער חתם־סופר נעהמט איהם אויף און וואָס פאַר אַ כבוד ער טיילט איהם צו, האָט ער פון גרוס געריהרטקייט הייס זיך צעבליפעט:

— איך האָב געזינדיגט אַקעגען אייך, רבי, זייט מיר מוחל!... זייט מיר מוחל!...

— דאָס האָב איך דיר שוין. — האָט איהם דער חתם־סופֿר ז״ל געענטפֿערט מיט וואַרימע, מילדע אויגען.

און מיט'ן שליסען שלום מיט אָט דעם נכבד־העיר, דעם לעצטען מתנגד זײַנעם, איז איצט דער חתם־סופֿר געוועז געליעבט און געאַכטעט פֿון גאַנץ פּרעשבורג; ער האָט אַלע, אַלע הערצער פֿאַר זיך געוואונען און פֿעראײניגט זײ צו איין גרויס הארץ, וואָס האָט פֿאַר איהם געשלאָגען מיט אַן'אונגעוועהנליך הײסער ליעבע.

עס האָט נישט פֿערגעסען דער פֿרומער פּרעשבורגער יוד דרײַ מאָל אין טאָג, בײַ יעדער תּפֿילה, בעזונדער מתפּלל־צו־זײַן פֿאַר'ן געזונד און אריכות־ימים פֿון זײער גרויסען רבי'ן... און דעסגלײַכען די פֿרומע יודענע, גיסענדיג טרעהרען איבער איהרע תּחינות. ביז זי האָט נישט אויך מתפּלל־געוועזען פֿאַר'ן געליעבטען רבי'ס געזונד, האָט זי די תּחינה נישט אַוועק־געלעגט...

זײ האָבען עס געהאַלטען פֿאַר אַ חוב אויף זיך, ווײַל זינט דער חתם־סופֿר איז צו זײ געקומען, האָט די שטאָדט פּרעשבורג רײַך אויפֿגעבליהט און געוואַקסען סײַ אין תּורה און רײַנע, גוטע מדות, סײַ אין עשירות און מזל־ברכה. עס האָט געהערשט דאָרט זאַטקײַט און שפֿע! דער אָרימסטער אַפֿילו, אַז ער האָט בײַם בענשען געזאָגט „ואָכלת ושבעת״, האָט דערבײַ אין זינען געהאַט, אַז ער האָט דאָס מקיים־געוועזען... און ער האָט דערום בײַם „וברכת״ אויפֿגעהויבען די אויגען צום באַלקען און הײס געדאַנקט זײַן ליעבען נאָמען, וואָס בעשערט איהם דאָס שטיקעל ברויט און אַ מלבוש אויפֿ'ן לײַב פֿאַר זיך און זײַן בני־בית, אָהן גרויסע טרדות און אָהן בושה...

ערשט דאָרט, אין פּרעשבורג, איז מקוים־געוואָרען דער הײסער וואונש פֿונ'ם חתם־סופֿר ז״ל, צו זעהן זײַן ישיבה בסדר וואַקסען און גרעסער ווערען, און דערבײַ זײַנע תּלמידים — בעזאָרגט פֿון דער שטאָדט מיט אַלעם נויטיגען.

ווי אַ ליכט־טורם האָט דעמאָלט פּרעשבורג בעלויכטען מיט איהר תּורה דאָס יודישע גלות־לעבען. און עס האָבען זיך אַהין, צום ליכט־טורם, געצויגען מיט דורשט הונדערטער

תלמידים פון אַלע עקען מדינה, און אַפילו אויך פון וויַיטע, אַנדערע מדינות, צו הערען תורה פון זיַין הייליג מויל...

עס האָט מיט פרייד געקלאַפּט דאָס האַרץ פון׳ם חתם־סופר ז״ל, אַז ער האָט געזעהן דעם בליהענדיגען מצב פון זיַין ישיבה, עס האָבען אַלץ העלער אויפגעלויכטען זיַינע מילדע, הייליגע אויגען, אָבער ער האָט זיַין חוב נאָך נישט געהאַט אינגאַנצען ערפילט... פאַר דעם ביסעל לומדים אין פרעשבורג האָט ער קיין דאַגה נישט געהאַט. זיי, האָט ער געוואוסט, לערנען תורה, יעדער לויט זיַין יכולת, וועה־געטהון האָט איהם אָבער דאָס האַרץ אויף די פשוט׳ע בעלי־בתים אין שטעדטעל...

עס זענען געווען צווישען זיי אַזעלכע, וואָס האָבען זיך שטאַרק, שטאַרק נעבעך געמאַטערט ביים אָבלערנען אַ פרק משניות אָדער עין־יעקב, און ווידער אַזעלכע, וואָס האָבען מאַטערן־זיך ביים לערנען אויך נישט געקאָנט — אינגאַנצען, הייסט עס, עם־הארצים.

דאַרף מען מחזק־זיַין אי די, אי יענע, דאַרף מען זעהן, אַז זיי זאָלען לערנען און וויסען, וואָס זיי לערנען, און לערנען טאַקי מתוך חבה.

און ער האָט גענומען צונויפשטעלען פון די בעיאָהרטע יודען כתות און חברות און צוגעפּאַסט יעדען איינעם אין זיַין חברותא. גמרא־יודען — צו גמרא־יודען; דאָסזעלבע איז געווען מיט די, וואָס האָבען נור אַ פרק משניות און עין־יעקב געקאָנט פערנעהמען, און אַזוי איז אויך געווען מיט די, מיט וועלכע מ׳האָט געדאַרפט אַ פרשה חומש און אַ דין „שולחן־ערוך" לערנען. און בראש פון יעדער כתה האָט ער אַ תלמיד־חכם בעשטימט, וואָס פלעגט מיט זיי יעדען אין־דער־פריה פאַר׳ן דאַוונען און ביַינאַכט נאָך מעריב — לערנען.

אָט אַזוי, אין גרויסער שמחה און צופרידענהייט און ברייטע נשמה־תענוגים האָט זיך געלעבט דער חתם־סופר ז״ל אין פרעשבורג יאָהרען לאַנג.

יד.

אין דער מלחמה.

דאָס יאָהר 1808 איז פֿאַר די בעפעלקערונג פֿון עסטרײַך דער מדינה געווען זעהר אַנ'אונרוהיגעס... פּחדים איבער פּחדים!...

טײַכען בלוט זענען אין יענעם יאָהר פֿערגאָסען געוואָרען אויף די אין שפע רײַכע פֿעלדער, און בײַ די ברעגעס פֿונ'ם שטיל־פֿליסענדיגען דונײַ, פֿאַרבענדיג רויט זײַנע וואַסערען.

וועגען די דאָזיגע שווערע, גרויזאַם־בלוטיגע, לאַנג־פֿערצויגענע מלחמה צווישען עסטרײַך און פֿראַנקרײַך, וואָס האָט אויסגעבראָכען שבת, י"ט סיון, דערצעהלט אונז דער חתם־סופֿר זעהר פֿיעל אינטערעסאַנטע זאַכען.

דאָס דאָזיגע יאָהר איז געווען רײַך אין אומגליקען נאָך פֿאַר'ן אויסבּרוך פֿון דער מלחמה. דער ווינטער איז דאַן געווען אַ אונגעוועהנליך שווערער. באַלד נאָך סוכּות האָבען זיך געשטעלט שרעקליכע פֿרעסט, וואָס האָבען געהאַלטען אין אײַן שטאַרקײַט ביז אין מיט'ן שבט. דאַן האָט דער דיק־געפֿראָרענער דונײַ גענומען זיך ריהרען, שרעקליכע אײַז־קריהעס האָבען זיך גענומען טראָגען מיט אַ מורא'דיגער קראַפֿט. עס איז געוואָרען אַ שטאַרק געוויטער, מיט אַנ'אימה'־דיג געברומערײַ ווי אַ פֿערשטיקט געשרײַ פֿון צורײַצטע, ווילדע חיות, האָט דאָס וואַסער פֿון אַלע זײַטען זיך געגאָסען און געהויבען, טראָגענדיג אין די שוימענדיגע וואַסער־אָרעמס אונטערגעבראָכענע שטיקער פֿון בריקען און צושמעטערטע דעקקען פֿון שיפֿען, וואָס האָבען צוזאַמען מיט דאָס פֿער־פֿלײַצענדיגע וואַסער שרעקליכע היזקות אָנגעמאַכט אין שטאָדט און אין די אַרומיגע דערפֿער. אַסך הײַזער זענען אונטער־געשווענקט און פֿערטראָגען געוואָרען, מאַסען בהמות זענען דערטרינקען געוואָרען, און נישט אײַן מענש האָט אויך געפֿונען

זײַן טויט אין די שוידערליכע אָרעמס פון די ברומענדיגע וואַסערען און אײַז=קריהעס.

עטליכע יודען פון די פרעשבורגער פאָרשטעדט, וואָס האָבען זיך אויף די בוידעמ'ס געוואָלט ראַטעווען פון טויט, און וואו אַרויף דאָס וואַסער איז צום סוף צוגעקומען, — זענען געראַטעוועט געוואָרען אַ דאַנק דעם חתם=סופר, וואָס האָט פאַר זעהר אַ הויכען פרײַז בעוואויגען עטליכע גוים צולאָזען זיך אויף שיפלעך צו יענעם אָרט, און די יודען אַרויס=ראַטעווען.

מענשען זענען בדיל=הדל געוואָרען פון די דאָזיגער פערפלײַצונג, דער חתם=סופר אָבער האָט געקוקט דערויף ווי נאָר אויף אַ אָנהויב פון אַ גרויס, שווער אומגליק, וואָס איז נאָך בעשערט דעם לאַנד צו לײַדען צוליעב זײַנע זינד...

אײַנגעזעהן האָט ער עס פון די שרעקליכע חלומות, וואָס ער פלעגט כמעט יעדער נאַכט זעהן.

אין דער נאַכט פון הושענא=רבה, נאָכ'ן אָבזאָגען תהלים, אַז דער חתם=סופר, אָנשפאַרענדיג דעם קאָפּ אָן זײַן שטענדער'ל, האָט אויף עטליכע מינוט אײַנגעדרימעלט, האָט ער צום ערשטען מאָל דעם דאָזיגען שרעקליכען חלום געזעהן, און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער, אָבער קײנעם דעם חלום נישט מגלה געווען. פון יענער נאַכט אָן פלעגט זיך עס איבער'חזר'ען כמעט יעדער נאַכט. מורא'דיגע חלומות פלעגט ער זעהן, וואָס פלעגען איהם אונרוהיג און שווער מאַכען דעם קורצען שלאָף זײַנעם.

סימנים, אַז עס ריקט זיך אָן אַ שווער אומגליק אויפ'ן לאַנד, האָט ער געהאַט נאָך אין אַנדערע זאַכען. אין דער נאַכט פון שמחת=תורה למשל האָבען זיך, ווי אַלע יאָהר, צו=נויפגעזאַמעלט בײַ איהם די תלמידים זײַנע. אַ העלע ליכטיג=קײַט האָט זיך געגאָסען פון יעדען ווינקעלע. פון צעהנדליגע העלזער האָט זיך אַרויסגעריסען אַ פרעהליך, לוסטיג געזאַנג, צעהנדליגע פאָר אויגען האָבען געשטראַהלט און געבליצט פון הײליגער פרײַד, און צעהנדליגע פאָר בלאַסע הענד האָבען זיך וואַרעם צונויפגעפלאָכטען אין אַ גרויס ראָד, גאַרטעל בײַ גאַרטעל, אַקסעל בײַ אַקסעל, און זיך פײַערדיג בעוואויגען

אין אַ התלהבות׳דיגען טאַנץ. עס האָבען זיך געפּ־עהט די גרויסע צאָהל תּלמידים זײַנע די לומדים, מיט דער תּורה, נאָר די שמחה האָט געזאָלט אַרײַנקומען אין איהר אֶמת׳ע שטאַרקײַט און בּרען ערשט ווען דער גרויסער רבי זײַערער ווערט זיך בּעווײַזען.

און אָט האָט זיך בּעוויזען דער חתם־סופר פון זײַן חדר אַרוים מיט׳ן גאונ׳יש, ווײַסען שטערען און פֿײַערדיגע אויגען, אַ פֶּערפּלאָמטער. דאָס געזאַנג און דער טאַנץ האָט אויפגעהערט צוליעב דעם כּבוד פון דעם רבּי׳ן זײַערען, וואַרטענדיג, אַז ער אַליין זאָל אָנהויבען אַ ניגון, און דאַן וועט זיך אַרים טהון דאָס פּעראײַניגטע געזאַנג, ווי אַ שטורמדיגע חוואַליע.

דער חתם־סופר האָט אָבער אַליין זינגען נישט אָנגעהויבען, נור געהײַסען זינגען אײַנעם פון די תּלמידים „שישו ושמחו בּשמחת תּורה״. יענער האָט אָנגעהויבען זינגען און זיך פערהאַקט אין דער מיט. איז געוואָרען אַ שטאַרק געלעכטער צווישען אַלע תּלמידים. שמחת תּורה, האָט מען זיך לוסטיג געמאַכט אויף זײַן חשבון, אַז ער האָט פערגעסען די „עברי״... דער חתם־סופר אָבער האָט דעם תּלמוד זעהר ערנסט בּע־טראַכט, און דאַן איהם געהײַסען נאָכאַמאָל אָנהויבען פון אָנפאַנג.

אָבער אויך בּײַ דאָס צווײַטע מאָל זינגען האָט זיך דער תּלמוד צוטומעלט, און פערהאַקט אין דערמיט.

אַזוי האָט זיך עס דרײַ מאָל איבּער געחזר׳ט. דאַן האָט דער חתם־סופר שווער אָבגעקרעכצט, און די תּלמידים, וואָס האָבען פערשטאַנען, אַז עס איז נישט אומזיסט, זענען אויך אומעטיגער געוואָרען...

אײַנמאָל ווידער, אום פרײַטאָג־צו־נאַכטס, האָט זיך אין בּית־מדרש אָבגעריסען פון דער אײַזערנער קײַט דאָס בּוים־אײל־לעמפּיל, און געפאַלען דעם חתם־סופר פאַר די פיס. דער חתם־סופר האָט אַ ציטער געטהון, אָבער ער האָט מיט קײַנעם דאַריבּער גאָר נישט גערעדט...

שפּעטער אין ווינטער אַרײַן, האָבען זיך געלאָזט הערען מעשיות איבּער דער שטאָדט וועגען אויסטערלישע זאַכען, וואָס עס טהוט זיך אָב אויפ׳ן בּית־עלמין נאָך האַלבּער נאַכט;

ווענען די מורא'דיגע יללות וואָס טראָגען זיך אין דער פינסטערניש פון די קברים, און ווענען די זאַלען, וואָס מען זעהט דאָרט, אַז האָהר און נעגעל שטעלען זיך קאַפּויר.

מיט אַ שטיקעל צייט פריהער איז אין שטאָדט געהאַט געשטאָרבען אַ יונג ווייבעל, נאָך וועלכע דער מאַן — אַ צו־לאָזערנער פּאַרשוין — האָט נישט געטהון ווי געהעריג איהר רעכט. אין שטאָדט האָט מען אַלזאָ, געשמוסט, אַז די מעשים, וואָס טהוען זיך אָב אויפ'ן בית־עלמין זאָל זיין צו־ליעב איהר.

האָט זיך איין טאָג פערזאַמעלט אַ גרויסער עולם ביי איהר קבר, מען האָט איהר מפייס געווען, מתפלל געווען פאַר איהר נשמה, אַ סך קאַפּיטלעך תהלים זענען דאָרט גע־זאָגט געוואָרען בציבור, נור ביינאַכט איז אויפ'ן בית־עלמין שטילער דערפון נישט געוואָרען... דיזעלבע יללות ווי אין די פערגאַנגענע נעכט...

און דער חתם־סופר ז"ל האָט מיט אַ שרעקענדיג האַרץ זיך צוגעהערט צו די דאָזיגע מעשיות, און געזעהן דערפון פאָראויס, אַז דעם לאַנד שטעהט פאַר אַ שרעקליך אומגליק.

און אָט איז אָנגעקומען יענער מיט בלוט און טרעהרען פערצייכענטער שבת. מנחה־צייט; דער חתם־סופר האָט גע־פּראַוועט „שלש סעודות", אַרום זענען געזעסען הונדערטער תלמידים זיינע און געשלינגען די טיעפזיניגע תורה־ווערטער פון זיין מויל, — אַז פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַן ערד־טרייסלענדיג פּויקעריי פון האַרמאַטען, אַפייערען אין שטאָדט אַריין פון שרעקליכע כלי־משחית, וואָס האָט זיך געטראָגען פון יענער זייט דונאַי.

באַלד איז דער ענין קלאָהר געוואָהרען. דאָס האָבען די פראַנצויזען ראַש און פּלוצלינג זיך צוגעריקט צו יענער זייט דונאַי, און געוואָלט דורך אַזאַ ראַשען איבערפאַל צווינגען דעם פיינד אָבצוגעבען די שטאָדט.

נאָר די עסטרייכער האָבען באַלד געעפענט אַ פייער געגען נאַפּאָלעאָנ'ס חייל, און געראַוט זיך מיט שיפען איבער'ן דונאַי אַקעגען דעם שונא.

די דאָזיִגעֶ ערד־טרײַסלעֶנדיִגעֶ באָמבאַרדירונג האָט געֶדויערט דרײַ מעֶת־לעֶת, מיט גאַנץ קלײַנעֶ הפסקות, נאָך וועֶלכעֶ דאָס גיהנום־פײַער פלעֶגט יעֶדעֶס מאָל נאָך שטאַרקער ווערען.

ענדליך האָט דאָס דונערן פון בײדעֶ זײַטען אָבגעֶהאַקט. שטיל געֶוואָרען... פון ערגעֶץ־וואו זעֶנען אָנגעֶפלויגען מיט קאַלטעֶ געשרײַען גאַנצע מחנות שוואַרצעֶ רויב־פויגעֶל, וועֶלכעֶ האָבען אומגעֶהיִפּט אויף זײערעֶ דיִנעֶ פיס איִבער די פעֶרשוויִגענעֶ פעֶלדער, אײַנגעֶזעֶנדיִג זיך מיט זײערעֶ שאַרפעֶ, פון בלוט רויטעֶ, שנאָבלעֶן איִן עֶפּיס אַ צעֶקאַלעֶטשעֶטעֶן טויטעֶן קעֶרפּעֶר, וואָס מ׳האָט נאָך ניִשט בעֶוויִזען מקבר צו זײַן, ערשט דאַן האָט די בעֶפעֶלקערונג געֶנומען אַרויסקריִכעֶן פון זײערעֶ צונויפגעֶדריִקטעֶ קעֶלער־בעֶהעֶלטעֶניִשעֶן, און דערזעֶהן דעֶם חורבן, וואָס די באָמבאַרדיִרונג האָט אָנגעמאַכט איִן שטאָדט. פון די פריהעֶנדיִגעֶ גראַנאַטעֶן זעֶנען אויך אַ סך מענשעֶן אומגעֶקומעֶן איִנ׳ם בהלה׳דיִגעֶן אַנטלויפען פון די ברעֶנעֶנדיִגעֶ הײַזער, אום אַ בעֶהעֶלטעֶניִש צו געֶפיִנעֶן.

אַ גרויסער טײל פון דער בעֶפעֶלקערונג, אויסניצעֶנדיִג דעֶם שונא׳ס רוהעֶן, האָט געֶכאַפּט מיט־זיך, וואָס אײַנער האָט נור געֶקאָנט, און גלײַך אַנטלאָפען פון שטאָדט.

יענעֶם טאָג איִז אויך אָנגעקומען אַ קאַרעֶטעֶ פוג׳ם דערבײַאיִגען שטעֶדטעֶל יערגען נאָך דעֶם חתם־סופר ז״ל. און ווי שווער עס איִז געֶוועֶן דעם חתם־סופר צו פערלאָזעֶן זײַן געֶליעֶבטעֶ קהילה איִן אַזאַ שרעֶקליִכעֶ עת־צרה, האָט ער דאָך מסכים געֶוועֶן אַריִבערצופאָהרען קײַן יערגען, נאָכדעם ווי ער האָט עֶטליִכעֶ נעֶכט כסדר איִן חלום געֶזעֶהן דאָס דאָזיִגעֶ שטעֶדטעֶלעֶ...

אײדער ער איִז איִבערגעֶפאָהרען אַהיִן, איִז ער אַלײַן פון הויז צו הויז געֶגאַנגען און אַ גרעֶסערעֶ סומעֶ געֶלד צונויפגעֶזאַמעֶלט פאַר די אָרימעֶ און פערוּנגליִקטעֶ בעֶפעֶלקערונג. און דאָרט, איִן יערגען, האָט ער זײַנעֶ תעניתים־טעֶג פערבראַכט איִן הײסעֶ תפילות, פאַר דעֶם צוריִקקעֶהרעֶנדיִגען שלום, וואָס זאָל מאַכען אַ סוף צו די אַלעֶ שרעֶקליִכעֶ אונגליִקען.

אָבער נישט לאַנג האָט ער זיך אויפֿגעהאַלטען אין יערגען, ווײַל באַלד האָבען אָנגעהויבען אָנקומען צו איהם ידיעות, אַז אין פּרעשבורג זענען אויפֿגעשטאַנען געגען איהם אַנשי מחלוקת מיט טענות, אַז ער אַליין היט זיך אָב זײַן נפֿש, און די קהילה האָט ער פֿערוואָרפֿען אויף הפקר...

פֿול מיט צער פֿון די דאָזיגע טענות, האָט-זיך דער חתם-סופֿר אומגעקעהרט אַהיים קיין פּרעשבורג. אַהין האָבען-זיך באַלד צוריק צונויפֿגעזאַמעלט זײַנע תּלמידים, פֿון די ערטער וואוהין זיי זענען זיך צעלאָפֿען, און ווידער איז פֿון זייער גרויסען בית-מדרש געשוואוממען אין דער פֿרײַער גאַס אַרײַן, ווי אויף שטילע, ווײַכע חוואַליעס געטראָגען, דאָס מרויעריג-זיסע, התלהבות'דיגע לערנען פֿון די הונדערטער תּלמידים זײַנע, וואָס האָט געקלונגען אָהן אויפֿהער טאָג-און-נאַכט.

דער שונא איז דאַן אַריך געשטאַנען בעפֿעסטיגט אויף יענער זײַט דונאַי, פֿון וואַנען ער האָט פֿון-צײַט צו-צײַט מיט פֿײַער אַריבערגערעדט צו די געגנערישע מחנות אויף דער צווייטער זײַט טײַך. דאָס איז געווען אַזוי-זיך אַנ'איבערשיסונג, אַבי צו געבען צו פֿיהלען, אַז מען שטעהט וואַכענדיג...
דער עיקר האָט איצט דער שונא געזוכט פּלענער און אָבגעוואָרט אַ גינסטיגען מאָמענט צו קאָנען אַריבער דעם דונאַי.

און עס איז אָנגעקומען אַ שרעקליכע נאַכט, און דער שונא האָט פּלוצלונג אַ גיהנום-פֿײַער געעפֿענט אויף דער שטאָדט. די האַרמאַטען האָבען געדונערט מיט בעטויבענדיגע קלעפּ, אַ שרעקליכער גראַנאַטען-רעגען האָט געדיכט זיך געשאָטען איבער די הײַזער, וואָס האָבען גענומען פֿלאַקערן און ברענען. און אינ'ם מורא'דיגען האַרמאַטען-דונער, אינ'ם קלינגערײַ פֿון די אויסגעזעצטע שויבען און אינ'ם קראַכען פֿון די אײַנגעפֿאַלענע געבײַדע-שטיקער זענען פֿערטויבט געוואָרען די האַרצרײַסענדיגע יללות און קרעכצען, וואָס האָבען-זיך געטראָגען פֿון די קעלערס אַרויס. דאָס פֿײַער האָט געבושעוועט אָהן שום אָבהאַלטונג פֿון קיינעם, און באַלד איז די גאַנצע שטאָדט געשטאַנען אין רויט-בראַנדיגע פֿײַער-פֿלאַמען,

וואָס האָט אין דער פֿינסטערער נאַכט די גאַנצע געגענד אַרום, אויף וויאָרסטען־ווײַט, מיט אַ העל־רויטען שײַן בעגאָסען.

פֿון די דאָזיגע אכזריות׳דיגע באָמבאַרדירונג און שרפות איז די גרויסע, בליהענדיגע שטאָדט אינגאַנצען חרוב געוואָרען. געבליבען נור גרויסע בערגער אַש.

ווען אין דרויסען איז שטיל געוואָרען און די צעשראָקענע אײַנוואוינער האָבען ווי די שאָטענס גענומען אַרויסקריכען פֿון די קעלערס, האָבען זײ שווײַגענדיג געקוקט אויף די שווארצע חורבות, וואָס האָבען זיך נאָך געראויכערט. יעדער אײנער איז מיט אַ גוואַלדיג שטומען צער אין די אויגען שטעהן געבליבען אויף דעם אָרט, וואו עס איז ערשט מיט עטליכע טעג צוריק נאָך געשטאַנען זײַן נחלה, און דאַן זענען זײ, פֿערגיסענדיג ביטערע טרעהרען, אַוועק אין די דערבײַאיגע שטעדט בלומענטאַל און ראַצערסדאָרף, אָבער אַ סך טויזענדער נפשות, קראַנקע און זקנים, האָבען־זיך געוואַלגערט אויף די פֿעלדער אונטער׳ן פֿרײַען הימעל, נישט־האָבענדיג קײן אָבדאַך איבער׳ן קאָפּ, אין די גרעסטע נויט.

עס איז נויטיג געווען באַלדיגע הילף, הילף מיט דער פֿולער האַנד!

און עס האָט געקאָרטשעט זיך פֿון צער און רחמנות דאָס גרויסע הארץ פֿונ׳ם חתם־סופֿר ז״ל, הײסע טרעהרען האָבען זיך געגאָסען פֿון זײַן מאַט־געוואָרענע אויגען, צוזעהענדיג די אונגליקען, וואָס די מלחמה האָט געבראַכט אויף זײַן קהילה, אָבער די שרעקליכע איבערלעבונגען האָבען זײַן מוט נישט געבראָכען. דער הײסער רצון צו העלפֿען די קראַנקע און געליטענע האָט איהם כח צוגעגעבען, און ער האָט פֿער־לאָזט זײַן בני־בית, און בעגלײט פֿון אַ קלײן הײפֿעלע מוטיגע תלמידים, האָט ער זיך געלאָזט צו־פֿוס, אין די גרעסטע סכנות, איבער די דערפֿער, וואָס האָבען פֿונ׳ם מלחמה־פֿײַער נישט געליטען, אַלײן געקליבען הילף פֿאַר די טויזענדטער פֿעראונגליקטע און אַנדערע דערוועקט זײ צוהילף צו קומען.

אויף צעהנדליגע ערטער אַ טאָג האָט מען איהם דאַן געזעהן מיט זײַן מילד, ליכטיג פּנים און ווײַסע, רחמנות׳דיגע

אויגען, קראנקע האט ער רפואות געגעבען, געזונדטע — געשטיצט מיט וואס עס איז נור מעגליך געווען, און פאר אלעמען געפונען ליעבליבע, טרייסטענדיגע ווערטער.

און ער איז מיט'ן גאנצען פייער פון זיין גרויסער, ברענענדיגער נשמה געווען אריינגעטהון אין דער דאזיגער הילפס=ארבייט, פערגעסענדיג אן זיין אייגען בני=בית, אן זיינע געליעבטע תלמידים, און ווער שמועסט שוין וועגען זיך אליין...

טו.

ניצול=געווארען:

נאך די הייסע, עקשנות'דיגע שלאכטען, וואס האבען זיך געצויגען וואכען=לאנג ארום פרעשבורג, האבען זיך אויף די צעגראבענע, פערוויסטע פעלדער, פייכטע נאך פונ'ם פערגאסענעם בלוט, דא אין דארט ארומגעוואלגערט כלי=זיין, וואס דער שונא האט אין דער בהלה איבערגעלאזט. און אט דאס הפקר'דיגע כלי=זיין האט די ארומיגע ארימע בעפעלקערונג צוזאמענגעקליבען, פערקויפט, און פון דעם געלד דערוויל זיך דערנעהרט, נאכדעם ווי זייער גאנץ ביסעל האב=און=גוטס איז בשעת די שלאכטען פערברענט און צערויבט געווארען.

צווישען די, וואס האבען אויפגעקויפט די שטיקער כלי=זיין ביי די פויערים און נאכדעם דאס דער רעגירונג צוגעשטעלט, האט זיך געפונען אויך א פרעשבורגער יוד, מיט'ן נאמען ר' מרדכי. דער דאזיגער האט אלע זיינע יאהרען מיט תבואה געהאנדעלט, געווען צווישען די פויערים פון די ארומיגע דערפער גוט בעקאנט, און דערום האבען זיי ליעבערשט זייער אויפעקליבענע בליי=און=שטאהל=סחורה „מארדקע'ן פערקויפט. און מחמת מרדכי האט זיך אליין אין דעם מסחר נישט געקאנט קיין עצה געבען, האט ער זיך א שותף צוגענומען, און זיי האבען זיך איינגעטיילט מיט די ארבייט: דער

שותף איז געפֿאָהרען איבער די דערפער צונויפֿקויפֿען די סחורה, און מרדכי האָט זיך פֿערנומען מיט איבערליפֿערן זי צו דער רעגירונג.

קומט איינמאָל צופֿאָהרען דער שותף אין אַ דאָרף אַרײַן אויפֿצוקויפֿען די סחורה, לעגען איהם פּאָר עטליכע פּריצ׳ישע זיהנדלעך, אַז אויך זײַ האָבען כּלי-זיין צו פֿערקויפֿען, און פֿיהרען איהם אַרײַן ערגעץ אין אַ פֿערבאָרגען אָרט, וואו זײַ האָבען דאָס כּלי-זיין געהאַט בעהאַלטען. אָבער דאָס איז נישט געווען פֿון די פֿעלדער אויפגעקליבען, נור כּלי-זיין, וואָס די פּריצ׳ישע זיהנדלעך האָבען בײַם איינענעם, עסטרײַכישען, מיליטער צוגע׳גנב׳עט.

בעמערקט אַפילו דער שותף, אַז דאָס כּלי-זיין איז עפּיס פֿון אַנ׳אַנדער סאָרט... ער וואָלט געשוואָרען, אַז דאָס איז פֿון דעם איינענעם מיליטער... טהוט עס איהם אַזש אַ זעץ אין האַרצען: ווער ווײס, פֿון וואַנען זײ האָבען דאָס!... שטעלען זײ אָבער קשיות האָט ער מורא, ווידער סתם אָב-זאָגען-זיך פֿון קויפֿען, קאָן ער אויך נישט, זאָגט ער זײ בכיוון צו גאָר אַ שפּאָט-ביליגען פּרײַז, כּדי זײ זאָלען איהם נישט וועלען פֿערקויפֿען, בעשטעהן זײ אָבער אויף דעם פּרײַז און ער מוז דאָס כּלי-זיין באין-ברירה אָבקויפֿען.

ברענגט ער עס אַהײם צופֿיהרען, נאָר מרדכי׳ן, דעם שותף זײַנעם, דערצעהלט ער וועגען דעם גאָרנישט.

ויהי היום, צעקריגען-זיך די צוויי שותפים צוליעב׳ן ריוח פֿון דעם געקויפֿטען ביסעל כּלי-זיין, בלײַבט בײַ זײ צו האַלטען אַ דין-תּורה בײַם חתם-סופֿר.

אַדין-תּורה — געווינט מסתמא איינער, און דער צווייטער — פֿערשפּיעלט. איז אָבער דער, וואָס האָט פֿערשפּיעלט, אויף דעם פּסק-דין נישט בעשטאַנען, און צערייצטערהייד האָט ער די זאַך איבערגעגעבען אין געריכט.

דאָרט איז וועגען דעם ענין געוואָרען געמאַכט אַ גענויע חקירה ודרישה, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס אַרומרײַסעניש פֿון די שותּפים איז וועגען דעם ריוח פֿון אַ טראַנספּאָרט כּלי-

זיין, וואָס איז ביים איינענעם מיליטער געוואָרען צוגע׳גנב׳עט. זענען באַלד די צוויי שותפים געוואָרען פערהאַלטען און איבערגעגעבען צום קריעגס=געריכט. און מחמת דער פריהערדיגער פסק=דין איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון פרעשבורגער בית=דין, איז כאָטש דער חתם=סופר איז נישט געוועזן גע׳חתמ׳עט אויף איהם, האָט דאָס קריעגס=געריכט איהם איינגעפונען פאַר שולדיג, דערפאַר וואָס ער האָט נישט איבערגעגעבען די זאַך צו דער רעגירונג...

דערצו האָט ער געשטאַמט פון דייטשלאַנד, — פון פראַנקפורט, כידוע, — האָבען זיך געפונען שלעכטע מענשען, וואָס האָבען אויף איהם אַ בלבול געמאַכט, אַז ער איז אַ שפּיאָן...

און אין עטליכע טעג אַרום איז ער דורכ׳ן קריעגס=געריכט גערופען געוואָרען צום משפט.

יענעם טאָג האָבען אין פרעשבורג קינד=און=קייט פער=פערבראַכט אין תענית. פון די פול=געפאַקטע שוהלען און בתי=מדרשים האָט זיך געטראָגען אַ שניידענדיג געוויין פון טויזענדער מתפללים, וואָס האָט די לופט אויפגעציטערט. און פעראייניגט זענען געוועזן אַלע זייערע הערצער צו איין גרויס, פערביטערט, ליידענדיג האַרץ, און פעראייניגט האָבען זיך זייערע תפילות צום הימעל געהויבען:

— רבונו של עולם, דו זאָלסט בעלויכטען די מוחות פון די ריכטער, אַז זיי זאָלען איינזעהן דעם שקר פון דעם שרעקליכען בלבול!...

און בשעת זיי האָבען אין די שוהלען און בתי=מדרשים אַזוי מתפלל געוועזן, איז דער חתם=סופר אַריינגעפיהרט געוואָרען אין געריכטס=זאַל. דערזעהן די ריכטער, וואָס זענען מיט שטרענגע פנים׳ער געזעסען אין אַ רונדיגען קרייז, יעדער מיט אַ געשאַרפטע שווערד אין דער האַנד, ווי עס פלעגט דאַן צוגעהן אין עסטרייכישען קריעגס=געריכט, האָט דער חתם=סופר שרעקליך אויפגעציטערט, און יעדעס אבר בעזונדער האָט זיך איהם גענומען וואַרפען ר״ל פאַר פחד.

אַז דער עלטסטער ריכטער, אַ גענעראַל פֿון הויכען ראַנג, מיט אַ מילדערען אויסדרוק אויפ'ן פּנים, האָט דערזעהן דאָס ציטערן פֿון דעם בעשולדיגטען און די בלאַסקייט פֿון זיין זעלטען איידעל פּנים, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אום בעסער זיך איינצוקוקען אין איהם, און ער האָט אַ ציטער־געטהון... און שווער און צעטראָגען זיך אַראָבגעלאָזט אויף זיין געזעס, נישט אַראָבלאָזענדיג זיינע טיעף־אויפגערעהרטע בליקען פֿון דעם בעשולדיגטען...

— אַך ג—ט! דאָס איז דאָך ער! דער גאון ר' משה!

— האָט ער שטיל צו זיך אַ זאָג געטהון, העכסט צעטראָגען.

ווער איז עס געווען דער דאָזיגער גענעראַל? פֿון וואַנען האָט ער געקענט דעם חתם־סופֿר, און פֿאַרוואָס איז ער געוואָרען אַזוי צעטראָגען, אַז ער האָט איהם דאָ אין געריכט דערזעהן?

אום דאָס אַלץ זאָל קלאָר ווערען, מוז ווערען דערצעהלט אַ צווייטע געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט מיט אַ היבש ביסעל יאָהרען פֿריהער:

אין דער צייט, ווען דער חתם־סופֿר ז"ל האָט בשעת ער איז נאָך אַ יונג קינד געווען, פֿערלאָזט זיין פֿאָטערס הויז אויפ'ן בעפֿעהל פֿון זיין רבי'ן, ר' נתן אַדלער ז"ל, (ווי עס איז שוין אין די ערשטע קאַפּיטלעך געווען בעשריבען), — האָט ער נישט געקאָנט איינרוהען צו לעבען אין איין שטאָדט מיט'ן פֿאָטער און נישט צו קאָנען מיט איהם קיין וואָרט אויסרעדען. כּידוע, איז פֿאַר איהם זיין רבי'ס אָנזאָג הייליג און טייער געווען... נאָר אַזוי ווי אין זיין הערצעל האָט געברענט אַנ'אונגעהויערע ליעבשאַפֿט צו זיינע עלטערן, על־כּן האָט ער בעשלאָסען צו דערווייטערן זיך אויף אַ צייט פֿון זיין געבורטס־אָרט, אפשר וועט אַזוי־אַרום זיך אָבקיהלען זיין פֿלאַמענדיגע בענקשאַפֿט צו די עלטערן.

און ער איז אַוועק קיין מאַינץ אין דער ישיבה פֿון דעם גאון ר' טבל ז"ל, וואָס איז געווען מאַינצער רב, האָט אויפגעהאַלטען זיך דאָרט ביי איינעם אַנ'עושר, ביי וועמען ער איז געווען בעזאָרגט פֿון אַלעם גוטען, און זיינע בני־בית האָבען איהם אָבגעהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ...

צו יענער צייט איז אָנגעקומען אין מאַינץ אַ סך מיליטער,

גרייטענדיג=זיך צו א גרויסען מאנעוור, וואס האט גערארפט פארקומען אויף די פעלדער הינטער מאינץ. בייטאג פלעגען די יונגע, קרעפטיגע זעלנער, אין זייער פערשידענארטיגע קליידונג, פערפולען די שטאדטישע גאסען, לעבען א גוטען טאג אין די שענקען און מאכען אין די קראמען פערשידענע קניות. די מאינצער קרעמער האבען שוין נישט געדענקט די צייט, ווען זיי האבען אזעלכע פעסטע פדיונות געמאכט. אבער אויך די ארימע בעפעלקערונג אין שטאדט האבען אויפגעלעבט. אלע זענען דאן הענדלער געווארען! ווייבער האבען זייער שטוב=ארבייט געווארפען, און מיטנעהמענדיג מיט=זיך זייערע פיצלעך קינדער, האבען זיי זיך בעוויזען אויף די מאינצער גאסען מיט קעסטעלעך און וועגעלעך, אויף וועלכע עס האבען זיך געפונען פערשידענע זאכען פאר'ן געברויך פון מיליטער, אויסרעכענדיג אויפ'ן קול דעם צעטעל פון זייערע סחורות.

בייננאכט אבער האט זיך די מענגע סאלדאטען נישט גע=האט וואו אהינצוטהון, ווייל אין מאינץ האבען=זיך געפונען זעהר וועניג קאזארמעס פאר זיי. און דאריבער האט דער עלטסטער קאמאנדיר א בעפעהל ארויסגעגעבען צו דער שטאדטישער בעפעלקערונג, אז יעדער איינוואוינער איז מחויב איינצוקוואר=טירען ביי=זיך א סאלדאט, אדער עטליכע, לויט דער בריוח'=דיגקייט פון זיין הויז.

ביי יענעם עושר, ביי וועמען דער חתם=סופר ז"ל האט זיך אויפגעהאלטען, האבען=זיך געפונען עטליכע סאלדאטען, צווישען זיי איינער א יודישער, א שטילער סאלדאט — א אונטער אפיציר — מיט גוטע, מילדע אויגען, וועלכער האט=זיך גיך צוגעבונדען צו דעם קליינעם משה'לע. ער האט אליין נישט געוואוסט, וואס אזוינס עס ציהט איהם אזוי צו דעם דאזיגען בע'חנ'טען יונגעלע... ער האט ליעב געהאט צו קוקען אין זיינע תמיד פערטראכטע, פייערדיגע, ליעב=הארציגע אויגעלעך, וואס פלעגען עפים ווי גרעסער ווערען און אזוי העל זיך צעשטראהלען בשעת לערנען; ער האט ליעב געהאט צו זעהן ווי זיין בלאס, חנ'עוודיג, שכינה=פנים'ל רויטעלט=זיך און פלאמט בשעת לערנען, צו הערען זיין דין, טרויעריג=זים

קול'כל, זײַן פֿערבענקטען, דביקות'דיגען גמרא=ניגון, וואָס פֿלעגט אָבקלאַנגען איבערן חדר אַזוי רײַן און לויטער, ווי דער קלאַנג פֿון זילבער, און אָנפֿילען דאָס האַרץ מיט אַזאַ נאָגענדיגער בענקשאַפֿט...

אַ פֿערגאַפֿטער און פֿער'חידוש'טער פֿלעגט שטעהן דאָס סאָלדאַט'ל אויף דער שוועל פֿון חדר, און צוהערען=זיך צום התלהבות'דיגען לערנען פֿון דעם האַרציגען, שײַנענדיגען יונגעלע. אַלײַן איז ער אַן'עם'האָרץ געווען, אָבער ער האָט פֿערשטאַנען, אַז דאָס יונגעלע דאַרף זײַן עפּיס גאָר אַ זעלטענער זעלטענער למדן...

ביז אײַנמאָל איז ער צוגעגאַנגען צו משה'לען, אײַנהאַלטענדיג, אויף וויפֿיעל ס'איז איהם נור מעגליך געווען, זײַנע קלאַפּענדיגע סאָלדאַטסקע טריט, סאָלדאַטיש זיך פֿערנייגט פֿאַר איהם און מיט אַ שטילען, פֿעראײַדעלטען טאָן געבעטען, אַז ער זאָל מיט איהם יעדען טאָג אַביסעל לערנען. זעהר גרויס איז זײַן חשק צו לערנען תורה! אָבער דאָס פֿערלאַנגט ער אויך נישט אומזיסט. ער וועט איהם פֿאַר זײַן טרחה אָבדינען — די שיך איהם רייניגען, די מלבושים אָבפּוצען, און בכלל טהון אַלץ, וואָס ער וועט נור דאַרפֿען.

משה'לע האָט געקוקט אין די בעטענדיגע אויגען פֿון דעם שטילען סאָלדאַט און איז באַלד דערויף מרוצה געוואָרען, אָבער נור אויף דאָס ערשטע: ער וועט מיט איהם גערן לערנען, אָבער אָהן שום שכר. די שיך רייניגען און די אַלע אַנדערע נויטיגע זאַכען, דאָס וועט ער זיך שוין אַלײַן טהון, ווי ביז יעצט.

ווי קאָן ער דען נעהמען פֿאַר תורה=לערנען בעצאָהלט?...

און אַט דער אונטער=אָפֿיציר, איז שפּעטער אָפֿיציר געוואָרען, און בשעת מלחמה, דורך זײַנע גרויסע קריעגספֿעהיגקײַטען און זײַן העלדישקײַט, וואָס ער האָט בעוויזען אין פֿערשידענע שלאַכט=אונטערנעהמונגען, אין וועלכע עס איז איהם נישט אײַנמאָל געלונגען אַ גרעסערע מחנה פֿון שונא ארומצורינגלען און צעקלאַפּען — איז ער געוואַקסען און געוואַקסען, זײַן ברוסט האָבען בצירט גרויסע אויסצײַכנונגס=

אָרדענס, וואָס ער האָט בעקומען פון קייזער אַליין, ביז ער איז מיט דער צייט גאַר דערהויבען געוואָרען, ווערענדיג בע-שטימט דורך דער העכסטער מאַכט פאַר גענעראַל-לייטענאַנט.

און אַט איז דערזעלבער איצט געזעסען אין קריגס-געריכט אַלס העכסטער ריכטער, און בשעת ער האָט זיך בעסער איינגעקוקט אינ'ם פנים פון דעם בעשולדיגטען, האָט ער אין איהם דערקענט זיין אַמאָליגען רבי'ן, משה'לען, וועגען וועלכענס גאונות ער האָט שפּעטער נישט איינמאָל געהערט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

איבעררייסענדיג די געריכטס-זיצונג, האָט דער לייטע-נאַנט געהייסען אַריינפיהרען צו זיך אין בעזונדערען צימער דעם בעשולדיגטען, און זעהענדיג די צעבראָכענקייט פון זיין דאַרען, אויסגעמאַטערטען גוף און דעם אונגעהויערען פּחד אויף זיין הייליג פּנים, האָט ער איהם פערקוועטשט ביים האַרצען, און אויסרופענדיג מיט טרעהרען:

— שרעקט אייך נישט, רבי! —

איז ער איהם אויפ'ן האַלז געפאַלען, און געגעבען זיך צו דערקענען.

און די איבעראַשונג און די שמחה פון דעם חתם-סופר, קאָנט איהר זיך שוין משער זיין...

נור פון הימעל איז איהם איצט צוגעשיקט געוואָרען דער „תלמיד” זיינער פון פאַר 30 יאָהר, וועלכער איז אַזוי עולה לגדולה געוואָרען...

און דער סוף איז געווען טאַקי אַ פרעהליכער!

דער לייטענאַנט האָט געמאַכט אַ גענויע חקירה ודרישה וועגען דעם משפּט, אויך דער חתם-סופר אַליין האָט אין זיין „לעצטען וואָרט” צעקלאַפּט אַלע בלבולים'דיגע טענות פון די פאַלשע עדות, איז ער פון אַלע ריכטער אָנערקענט געוואָרען פאַר אונשולדיג און איז אַרויס פון געריכט מיט אַן'אויפגעלעבט פרעהליך געמיטה, און די פאַלשע עדות האָבען געכאַפּט זייער פערדיענטען פּסק...

טז.

די מלחמה געגען די רעפארמירטע.

נאָכ'ן גרויסען, שרעקליכען מלחמה־שטורם האט אינ'ם גאנצען לאנד א זיסע רוהיגקייט אריינגעטרעטען. שטיל עפּיס ווי אנגעהויבען אלץ אויפסניי, איז זיך געגאנגען דאס לעבען אין יעדען גרעסערן און קלענערן קיבוץ. דער האנדעל האט אויפגעלעבט; נאך קיינמאל האבען די קרעמער אין לאנד נישט געמאכט אזעלכע גאלדענע געשעפטען ווי דאמאלס; די בעלי־מלאכות — פערוואָרפען מיט ארבייט — האבען איצט גאנצע טעג פלייסיג, מיט א פרעהליך געזאנג, געארבייט אין די פאבריקלעך ווער מיט א האמער, ווער מיט שער און נאדעל, דאנקענדיג גאט, וואס די בלוטיגע צייטען זענען ענדליך אוועק אין דער פערגאנגענהייט...

דאס חרוב־געווארענע פרעשבורג האט זיך בּיסלעכוויז אבגעבויט, און דאס לעבען דארט האט געאטהעמט מיט פרעהליכע ערוואכונג און צופריעדענהייט...

פאר דעם חתם־סופר איז די דאזיגע צייט געווען די רוהיגסטע און ליעבסטע אין זיין לעבען. נאכ'ן לענגערן ביטול־תורה ביי די הילפס־ארבייט פאר די פרעשבורגער פער־אומגליקטע, האט ער זיך איצט מיט א פייערדיגען דורשט גענומען צו זיינע ספרים, און גענומען זיך אויך צוריק מחזק זיין זיין גרויסע, בעריהמטע ישיבה.

אויף די דאזיגע שטראהלענדע, זוניגע טעג זיינע, וואס זענען געווען פול מיט הויכער שמחה און דביקות, איז נישט זעלטען אבער געפאלען א טונקעלער שאטען. דעם חתם־סופר'ס ליכטיגע אויגען זענען טיילמאל מיט עצבות איבערפולט געווארען — מיט קיין קינדער האט איהם דער אויבערשטער נאך אלץ נישט געהאט געבענשט.

דאס איז געווען אין איהר, די רבנית'ס מזל... נישט

בעשערט געווען איהר קיין קינדער צו האָבען, און געווען איז אויך מן השמים נגזר זי זאָל ר״ל יונגערהייד פון דער וועלט געהן.

אויף דאָס דריטע יאָהר נאָך דער מלחמה איז עס געווען. אין אַ שענעם פריהמאָרגען איז די רבנית פלוצלונג קראַנק געוואָרען, עטליכע טעג אין בעט געלעגען שטיל קרעכצענדיג, און אַזוי שטילערהייד זיך צונויפגעצויגען און רוהיג איינגע-שלאָפען.

און גראַדע אין דיזעלבע צייט איז אינ׳ם שטעדטעל פרויקירכען, נישט ווייט פון פרעשבורג, נפטר געוואָרען דער דאָרטיגער רב און די רבנית — דעם גאון ר׳ עקיבא אייגער׳ס אַ טאָכטער — איז געבליבען אַן׳אַלמנה.

און זי, די דאָזיגע אַלמנה, וואָס איז געבוירען געוואָרען פונקט אינ׳ם זעלבען טאָג ווען דער חתם-סופר האָט חתונה געהאַט מיט די ערשטע רבנית, איז ווייזט אוים געווען זיין אֶמת׳ער זיווג.

און — שוין צייט געווען, אַז דאָס זיווג זאָל ענדליך מאַן און ווייב ווערען. פיהרט מען צו מן השמים אַזוי, אַז ער זאָל אויף די רייכסטע און שענסטע שידוכים, וואָס מ׳האָט איהם דאַן פאָרגעלעגט, נישט מרוצה ווערען, און דאָ דער-האַלט ער פלוצלונג אַ טרייסט-בריעף פון ר׳ עקיבא אייגער׳ן מיט אַ רמז׳דיגע אָנצוהערעניש וועגען אַ שדוך מיט זיין טאָכטער. געפעהלט איהם דער ענין זעהר...

איז אַוועק אַ בריעף-ווערקסעל צווישען זיי פול מיט ליעבע און בעגעהר זיך מתחתן צו זיין. דערווייל אָבער זענען אין שטאָדט אויפגעשטאַנען פאַרשוינען אַזעלכע, וואָס האָבען נישט געקאָנט סובל-זיין, אַז די צוויי בעריהמטע שטרענגע גאונים, וואָס האָבען געהאַט פיעל מתנגדים געגען זיך צוליעב זייערע שווערע חומרות זאָלען זיך שוואער און איידעם ווערען און עס זאָל דאַדורך נאָך שטאַרקער ווערען זייער מאַכט, און האָבען פשוט אוים קנאה אויסגעטראַכט אויף דער אַלמנה פערשידענע חסרונות...

נאָר דער חתם-סופר האָט די מינדעסטע אַכט נישט

געלײַנט דערויף, געשלאָסען דעם שדוך, און בקרוב איז מיט מזל אַ חתונה פֿאָרגעקומען.

שטאַרק געפֿרעהט און היים געלויבט דעם אויבערשטען האָט דער חתם־סופר, אַז צום יאָהר האָט איהם די רבנית אַ בן־זכר געבוירען.

אָבער זײַן שטיל, נחת'דיג נשמה־לעבען, בעגאָסען מיט די ליכט־שטראַהלען פֿון זײַן תורה, האָט נישט לאַנג געדויערט.

צו יענער צײַט האָט זיך אָנגעהויבען אַ רעפֿאָרם־בעוועגונג צווישען די יודען אין דײַטשלאַנד. עס איז ענטשטאַנען די הייסע שטרעבונג בײַ יענע פֿאָרטגעשריטענע טײַלען אין דײַטשען יודענטום צובעלויכטען דאָס שטרענגע מיט טויזענדטער חומרות, אָבגעצוימטע, פֿינסטערע יודישע לעבען מיט דאָס ליכט פֿון פראָגרעס און ציוויליזאַציע. די אַלטע, שווערע יודישע לעבענס־פֿאָרמען האָבען זיך נישט געלאָזט מעהר צופּאַסען צום מאָדערנעם לעבען מיט איהרע נײַע פֿאָדערונגען. דאָס לעבען פֿון דרויסען האָט געלאָקט און געצויגען מיט איהר פֿרײַהײַט און הײַטערקײַט, און ס'האָט זיך געוואָלט אויך אַרײַנברענגען אינ'ם יודישען לעבען אַביסעל פֿרישקײַט, יונגקײַט און פֿרײַהײַט. צו האַלטען זיך בײַ דער טראַדיציע נאָר אויף אַזויפֿיעל וויפֿיעל זי לאָזט זיך צופּאַסען צום נײַעם לעבען, צו די נײַע מענשליכע בעגריפֿען און אַנשויאונגען; אויפֿהאַלטען נאָר יענע מנהגים אין יודישען לעבען, וואָס שטימען מעהר אָדער וועניגער מיט'ן גײַסט פֿון דער נײַער צײַט. מען האָט געוואָלט, קורץ, פֿעראײַניגען בילדונג, פּראָגרעס און ציוויליזאַציע מיט דער יודישער טראַדיציע און יודישער וועלט־אַנשויאונג, און מען האָט זיך אַלזאָ, גענומען צו „רעפֿאָרם”. אָבערײַניגען אַביסעל דאָס יודישע קהילה־לעבען פֿונ'ם אַלטען שימעל.

די הויפּט־ערטער פֿון די דאָזיגע „רעפֿאָרמירטע יודען” זענען דאַן געוועזען בערלין און האַמבורג, אום צו צוגעבען אויך אַביסעל אויסערליכען גלאַנץ דאָס יודישע רעליגיעזע לעבען, האָבען זיי געלאָזט אויפשטעלען סינאַגאָגען אין בײדע ערטער אין מיט'ן שטאָדט, און די תפֿלות האָט בעגלײט דער קלאַנג פֿון אָרגעל און כאָר־געזאַנגען.

הערענדיג די מעשים פֿון די דאָזיגע רעפֿאָרמירטע איז א שרעק געפֿאלען אויף די דעמאָלס'דיגע פֿרומע מנהגי ישראל. און, ווי פנחס בשעתו, זענען זיי אויפֿגעשטאנען דערצערנטע צו פֿערפֿיהרען א מלחמה געגען יענע לייט, שטערען זיי מיט אלע מיטלען אין זייערע „געפֿעהרליכע מעשים", צוריק ארויפֿ־ברענגען אויפֿ'ן רעכטען דת יענע פֿערבלאָנדזשעטע יודישע נשמות, און אָבהיטען, אז אין זייער נעץ זאָלען קיין פֿרישע נישט געפֿאנגען ווערען.

און אָט אין די הייסע מלחמת השם האָט דעם שטארק־סטען אָנטהייל גענומען דער חתם־סופר. אויפֿגעקאָכט איז געוואָרען זיין תמיד רוהיג, רחמנות'דיג הארץ, אז ער האָט דערהערט וועגען די מעשים פֿון יענע לייט. ער האָט מיט א קלאפ ארויסגעלאָזט פֿון דער האנד דעם לולקע־ציביק וואָס ער האָט אין יענע מינוט גערויכערט, און איז א ווייַלע זיצען געבליבען אין זיין טיפֿע שטוהל אָבגעשוואכט, שטיל קרעכצ־ענדיג, דאן האָט ער מיט פֿייערדיגע אויגען זיך אויפֿגעכאפט פֿון אָרט, און אויסגערופֿען מיט א קול אָנגעזאפט מיט טרעהרען:

— אונטערגראָבען ווילען זיי, די פושעים, די גאנצע יודישע אמונה?!... עוקר מן השורש דארף מען זיי! רודפֿ'ן אָהן רחמנות!!

און מיט דער הילף פון ר' עקיבא איגער, זיין שווער און די אנדערע דאמאָלס'דיגע פֿרומע מנהגי ישראל האָט ער זיך גענומען מיט אלע כחות צו די רעפֿאָרמירטע גרופּעס גע־רודפֿ'ט זיי עד חרמה.

נישט אָבגעשטעלט זיך פֿאר קיין שום זאך. בענוצט זיך מיט אלע מעגליכסטע מיטלען, צווישען אנדערע אויך: מיט־טיילענדיג דער רעגירונג, וועגען די דאָזיגע ניי־ענטשטאנענע „סעקטע" צווישען יודען, וועגען זייער געפֿעהרליכע אגיטאציע, וואָס קאָן, חלילה, אונטערגראָבען דאָס גאנצע יודענטום. און די רעגירונג האָט זיך צו דער דאָזיגער הילפֿס־בקשה צוגע־הערט, און בעפֿויהלען איהרע לייט יענע צו רודפֿ'ן. מען האָט אָנגעווענדעט אקעגען זיי די שטרענגסטע רעפרעסיעס, ביז זיי האָבען זייער ווירקונג אָנגעוואוירען און שפעטער ארייַן

זענען די דאזיגע רעפארם-געמיינדען אויף א געוויסע צייט, אינגאנצען זיך צופאלען.

יז.

ער און זיין מוטער.

כידוע, איז דער חתם-סופר געווען אַן אוהב את כל הבריות, וואס פלעגט אפילו אויף זיינע פערביסענסטע מתנגדים אבי זיי האבען נאר נישט געוואלט אונטערגראבען דעם דת און אמונה אין אויבערשטען, קיינמאל נישט אין כעס ווערען. ער פלעגט נור רחמנות אויף זיי האבען, און פון זיינע גרויסע, ליכטיגע אויגען האט תמיד ארויסגעשטראהלט שמחה און ליעבשאפט צו אלץ אויף דער גרויסע וועלט:

— אלץ, וואס גאט ברוך הוא האט בעשאפען אויף זיין וועלט — פלעגט ער לערנען זיינע תלמידים — דארף מען ליעב האבען, ווארום אויב דעם אויבערשטען איז עס געווען ניחא צו בעשאפען, טא ווי קאנסטו עס פער'מיאוס'ען און פערפיינדען? בפרט דעם מענש, וואס איז בעשאפען געווארען בצלם אלקים... און ווען אפילו דער מענש האט דיר שלעכטס געטהון, אדער ווען ער איז אראב אויף א מיאוס'ן וועג, אז דו קאנסט איהם שוין נישט ליעב האבען, זאל זיך דאמאלס דיין הארץ אנצינדען מיט רחמנות צו איהם... רחמנות דארפסטו אויף איהם האבען, אבער נישט פיינד קריגען...

דאך צו זיינע תלמידים פלעגט ער קיינמאל נישט ארויס-ווייזען קיין אפענע ליעבשאפט. ער האט, פערקעהרט, תמיד שטרענג זיך בעצויגען צו זיי און געהאלטען זיי אין מורא... נישט קוקענדיג אבער דערויף איז די ליעבשאפט פון די תלמידים צו זייער גרוסער רבי'ן געווען א אמת'ע אהבת נפש. מיט א הייליגען נשמד-קניפ זענען זייערע הערצער געווען צוגע-בונדען צו איהם! דורך זייער רבי'ס השפעה האבען זיי אויך

איינער צום אנדערען געפיהלט א שטארקע צוגעבונדענקייט און ליעבשאפט, וואס איז נישט פערלאשען געווארען, אפילו אין יאהרען ארום, ווען דאס לעבען האט זיי איינס פונ'ם אנדערען צושיידט.

שוין קינדווייז איז דער חתם-סופר, שטארק נזהר געווען פון ביטול תורה, און דאס האט ער אין די שפעטערדיגע יאהרען נאך שטארקער אבגעהיטען, אזוי, אז איינמאל, דערהאלטענדיג א בריעף, פון זיין אלטער מוטער, וואס האט איהם שוין נישט געהאט געזעהן א סך יאהרען, אין וועלכען זי האט איהם היים געבעטען צו קומען אויף עטליכע טעג קיין פראנקפורט, אום זי זאל איהם חאטש נאך איינמאל קאנען זעהן פאר'ן טויט — האט ער א טיעפען קרעכץ געטהון, און דער בריעף איז איהם פון די ציטערדיגע הענד ארויסגעפאלען.

א הייסע מלחמה האט אויפגעקאכט אין זיין הארצען. פון איין זייט האט ער אליין געברענט צו זעהן זיין אלטע מוטער; די איינגעשטילטע בענקשאפט דורכ'ן שטענדיגען תורה-לערנען האט איצט אויפגעוואכט אין זיין הארצען מיט געוואלטיגע קראפט, אנב — פון איין זייט די מצוה כיבוד אם; פון דער אנדער זייט אבער — אזוי פיעל תורה!... ביטול תורה דרבים, ווארום אויך די תלמידים זיינע וועט ער דאדורך מבטל זיין פון לערנען.

און נישט וועלענדיג דאס נעהמען אויף זיך, בלייבט ביי איהם שואל-עצה צו זיין ביי'ם פראנקפורטער בית-דין און ווי זיי וועלען פסק'ענען, אזוי וועט ער טהון.

אנגעקומען איז פונ'ם פראנקפורטער בית-דין א תשובה, אז די מצוה פון תורה-לערנען ברבים איז שטארקער פון כיבוד אם און דער חתם-סופר, אז ער האט די תשובה איבערגעלייענט, האט ער שווער אבגעזיפצט, און א צער האט זיך צעגאסען איבער זיין לויטער פנים. א הייסער בעגעהר האט געברענט אין זיין הארצען צו זעהן זיין אלטע מוטער. אין די אויערן האבען איהם נאך געקלונגען די מוטער'ס געבעטווערטער צו איהם, ווי ער וואלט זיי נישט פון בריעף ארויסגעלייענט, נאר פון איהר אייגען מויל געהערט... אבער

ער האָט מקיים געווען דעם פסק פֿונ׳ם פראַנקפֿורטער בית־דין, געבליבען אין דערהיים, און אום צו פֿערשאַפֿען זיין אַלטער מוטער כאָטש אַ ביסעל נחת און צופֿריעדענהייט, האָט ער צו איהר קיין פראַנקפורט ספּעציעל צוגעשיקט זיין ידיד ר׳ בער׳ן, ער זאָל זי איבער־בעטען אין זיין נאָמען, וואָס ער קאָן אַליין נישט קומען זעהן, ווי עס לעבט זיך איהר דאָרט אויף דער עלטער, וואָס זי מאַכט אין געזונד, אויב זי נויטיגט זיך נישט אַ מאָל אין געלד, און דערצעהלען איהר אַלץ, וואָס איהר ווילט זיך נור וויסען פֿון איהם.

אַז די אַלטיטשקע רייזעל האָט דערזעהן אַריינקומען אין איהר שטיבעל דעם גוט בעקאַנטען ר׳ בער׳ן, איז זי איהם מיט גרינגער־געוואָרענע טריט אַקעגען געלאָפֿען, אויפֿגעשטראַהלט האָבען איהרע צונויפֿגעצויגענע, אַלטע אויגען, און איהר ערשטע פֿראַגע איז געווען:

— וואָס מאַכט דאָרט, ר׳ בער, מיין יונגעלע?...

אַ גליקליכער, נחת׳דיגער שמייכעל האָט זיך צעגאָסען איבער איהר טיעף־געקנייטשטען פנים, הערענדיג פון ר׳ בער׳ן זיינע גענויע ידיעות וועגען איהר זוהן, ידיעות, איינע בעסער פֿון דער אַנדערע, מיט אַ פֿערכאַפּטען אָטהעם האָט זי זיי אויסגעהערט, שלינגענדיג יעדעם וואָרט. דאָס איז פֿאַר איהר געווען געַנוג. זי האָט פֿון גאַנצען הארצען מוחל גע־ווען איהר היים געליעבט קינד דערפֿאַר, וואָס ער איז אַליין צו איהר נישט געקומען. פֿון ר׳ בער׳ס ווערטער, אָבער, האָט זי פֿערשטאַנען, אַז איהר זוהן איז זיך מצער דעריבער, און זי האָט איהם דאָדורך בייס אַוועקפֿאָהרען נאָכגעשריגען אויפ׳ן וועג:

— ר׳ בער, זאָגט דאָרט מיין יונגעלע׳ן, אַז ער זאָל זיך נישט מצער זיין... אַז די מאַמע האָט איהם געהייסען נישט טראַכטען וועגען איהר, נור רוהיג זיצען און לערנען... דאָס וועט זיין איהר נחת, איהר טרייסט... אַזוי, ר׳ בער, זאָלט איהר איהם זאָגען! —

און גיסענדיג טרעהרען פֿאַר פֿרייד האָט זי זיך אומגע־קעהרט אין איהר אַלטען שטיבעל טראַכטענדיג:

— זאָל ער לערנען, וואָס מעהר לערנען, איהר טייער קינד, און ליבטיג מאַכען די וועלט מיט זיין תורה... חלילה, אַ זינד וואָלט עס דאָך געווען, זי זאָל צוליעב איהר נישטיג פערגעניגען איהם אָברייסען פון לערנען, אפילו אויף איין מינוט...

יח.

זיין מוטער'ס פטירה.

דאָס איז געווען אין עטליכע יאָהר אַרום, סוף חודש אָדר. אין דרויסען האָט עס שוין געשמעקט מיט פרישקייט, אויפגעגאַנגענע שפּראָצונג און מיט'ן אָנקומענדיגען פרייען יום־טוב פסח; וואַרעם און ליעב האָט די זון געשמייכעלט, בלאָזען די לעצטע, פערוואַלגערטע בערגלעך שניי, דערצעה־לענדיג וועגען אַ זאַפטיג־גרינעם פרישׁ ערוואַכטען לעבען, וואָס וועט באַלד פון הינטער די גרויע ערד־שאָל זיך אַפּאַררייסען.

אין די דאָזיגע ערב־פריהלונג־טעג האָט איינמאָל אין די פריה די אַלטע רייזעל זיך אומגעקעהרט אַהיים פון דער ווייבער־שוהל, ווי זי פלעגט דריי מאָל אין טאָג מתפלל זיין בצבור, קוים זי האָט די פיס נאָכגעשלעפּט, אַ טויטע געלקייט האָט בעדעקט איהר געשרומפּען פנים. און זי האָט געקוקט אַרום זיך מיט האַלב פערלאָשענע אויגען, ווי זי וואָלט וויסען, אַז דאָס אַלץ זעהט זי צום לעצטען מאָל.

אַהיים געקומען האָט זי זיך מיט שוועריגקייט אַריינגע־זעצט אין איהר שטוהל, און צו איהר יונגסטער שנור חולדה, וואָס פלעגט איהר בעדינען, רוהיג אַרויסגערעדט:

— אין יענעם קאַסטען דאָרט, טאָכטערשי, ליגען מיינע תכריכים, נעהם זיי אַרויס איך וויל זיי אָנטהון, און געה רוף מיר אַריין עטליכע נשים צדקניות, וואָס זאָלען זיין ביי מיין שטאַרבען. באַלד טאָכטערשי, וועלען זיך די נשמה און גוף צושיידען...

איז די שנור אַ פֿערציטערטע געוואָרען.

— וואָס די שוויגער פֿאַלט איין!...

אָבער רײזעל די צדיקות האָט אַ צווייטען און אַ דריטען מאָל איבערגע׳חזר׳ט איהרע ווערטער און געבעטען די שנור, זי זאָל איהר פֿאָלגען צום לעצטען מאָל, ביז די שנור האָט נישט ווילענדיג געטהון, ווי זי האָט איהר געהייסען, דאַן האָט די אַלטיטשקע רײזעל, וואָס האָט מיט יעדער מינוט אַלץ מעהר די כחות פֿערלאָרען, מיט דער הילף פֿון דער שנור אַרײנגעלײגט זיך אין בעט, אָנגעטהון די תכריכים, און אין די געגענוואַרט פֿון די פֿרומע ווייבער וואָס האָבען זיך בײ איהר בעט אַרומגעשטעלט, אָבגעזאָגט עטליכע תפילות, יוצא בײ וואָרט, און לײבט און גרינג די נשמה אויסגע־הויכט.

אַז צום חתם־סופר איז אָנגעקומען די טרויעריגע ידיעה וועגען דער פּטירה פֿון זיין מוטער, האָט ער זיך היים פֿונאַנדער־געוויינט און קריעה געריסען. דאַן האָט ער אויפגעהויבען די ליכטיגע אויגען צום באַלקען און שטיל אַרויסגערעדט:

— רבונו של עולם! תמיד, וואָס פֿאַר אַ זאַך דו האָסט מיט מיר געוואָלט טהון, פֿלעגסטו עס מיר פֿריהער מגלה זיין; דאָס מאָל אָבער האָסטו פֿערבאָרגען פֿאַר מיר די זאַך...

דאַן האָט ער שטיל דעם שווערען צער טיעף אין האַרצען פֿערשלאָסען, געזעצט זיך שבעה.

אַ צייט לאַנג אָבער איז ער געווען שטאַרק בעטריבט דערפֿון, וואָס ער איז נישט געווען בײ דער לויה פֿון זיין מוטער, די צדיקות. און נישט איין מאָל פֿלעגט ער פֿער־טראַכטערהייד אַרויסרעדען:

קיינער, קיינער האָט עס מיר פֿון הימעל נישט מגלה געווען...

יט.

וואָס ער אליין האָט דערצעהלט.

אינ'ם צוריק אָבגעבויטען פרעשבורג האָט זיך דער חתם-סופר געלעבט גאַר בהרחבה, פונדעסטוועגען האָט ער קיינ-מאָל קיין איבעריגע פרוטה נישט געהאַט...

זייענדיג בטבע אַנ'אֱמת'ער שונא-בצע, האָט ער זיך נוהג געווען יעדע איבעריגע מטבע, וואָס איז נור נישט גע-וואָרען פערברויכט אויף די שטוב-הוצאות, אַוועקצושענקען גלייך אָרימע-לייט.

אין שטאָדט האָט מען געוואוסט דערפון און געשטוינט: ווי לאָזט עס נישט אַ מענש איבער כאָטש עפּעס פאַר זיך אליין?...

נאָר ווער וועט עס איהם געהן זאָגען?...

מאַכט זיך איינמאָל אַזאַ מעשה.

אין אַ שטעדטעל, נישט וויַיט פון פרעשבורג, האָט געלעבט אַ יוד, אַ סוחר, אַנ'אָנגעזעהענער בעל-הבית אין שטעדטעל, נאָר אַ קמצן, ביי וועמען אַ נדבה אַרויסצוקריגען, איז געווען גאָר נישט פון די לייכטע זאַכען...

ויהי היום, האָט זיך דאָס מזל-ברכה פון דעם סוחר אָבגעטהון. זיינע געשעפטען האָבען אָנגעהויבען צו געהן מטה-מטה — געוואָרען אַ יורד, לא עלינו! דאָס לעצטע ביסעל געלד אויפגעגעסען, נישט געהאַט שוין מיט וואָס צו האַנדלען אום חאָטש אויף ברויט צו פערדינען, און באָרגען וויל איהם אין שטעדטעל קיינער נישט — האָבען אויף איהם נאָך פון פריהער אַ ביז האַרץ...

און אַז עס איז געווען כלו כל הקיצין, נישט קיין עצה זיך צו געבען, איז ער זיך מיישב, אַז ער וועט אַריינפאָהרען קיין פרעשבורג צום חתם-סופר ז״ל.

— ער איז דאָך אַזאַ מזג-טוב — טראַכט ער — אפשר וועט ער איהם עפּעס העלפען...

געפֿאָהרען איז ער צום חתם־סופֿר ז״ל נור אום אַן עצה צו פֿרעגען, אויסגעזאָגען אָבער פֿאַר איהם זײַן ביטער האַרץ, פֿאַלט אײַן דעם דאָזיגען יורד אויסצונוצען די געלעגענהײַט און בעטען בײַם רבי׳ן, אַז ער אַלײן טאַקי זאָל איהם באָרגען אַ גמילות־חסד.

מחיה געווען וואָלט דאָך איהם דער רבי מיט זײַנע אַכט נפֿשות! — טראַכט ער, — אַט האָט ער איצט אַ מסחר צו מאַכען, און ווען ער זאָל האָבען אַ טויזענד גילדען וואָלט ער זיך אֶפֿשר צוריק דערלאַפּט, אַנדערש אָבער ווײַסט ער נישט וואָס עס קאָן פֿון איהם ווערען, מחמת עס איז באו מים עד נפֿשו...

און אַזוי, כּהאי לישנא טאַקי, גיט ער איהם איבער זײַן בקשה און פֿערענדיגט, אַז דער אויבערשטער וועט איהם העלפֿען, וועט ער איהם דאָס געלד בתשואות־חן אָבגעבען.

האָט אַ ציטער געטהון דער חתם־סופֿר, אַז ער האָט דאָס דערהערט, זײַן גרויס רחמנות, וואָס איז געווען בבחינת כּרחם אב על בנים, האָט הײס און שטאַרק אויפֿגעפֿלאַמט אין זײַן האַרץ און אין זײַנע אויגען האָט אַ פֿינקעל געטהון אַ גרויסע, הײסע טרעהר...

ראַטעווען אַ בכבוד׳דיג יודיש הויז פֿון דחקות, דערהאַלטען נײַן נפֿשות בײַם לעבען, און ווען עס זאָל זיך ווענדען אין צעהן טויזענד גילדען, ווי קאָן ער עס דען אָבזאָגען?... ווי קאָן ער דען רוהיג בלײַבען אײַן מינוט?... וויפֿיעל געלד ער האָט נור וועט ער איהם אַוועקגעבען!

דערמאָהנט ער זיך אָבער באַלד, אַז ער האָט קײן אײן פּרוטה נישט אין שטוב, ערשט נעכטען האָט ער היבשע עטליכע גילדען, דאָס מותרות פֿון זײַנע שטוב־הוצאות, אָרימעלײַט צעטײלט.

וואו־זשע נעהמט ער געלד צו העלפֿען דעם יורד?

ווען ער זאָל זיך ווענדען דעריבער צו אײנעם פֿון די פּרעשבורגער עשירים, וואָלט ער בעקומען פֿאַר איהם די טויזענד גילדען בתשואות־חן, אָבער זאָל ער דען אַוועקלאָזען די מצוה, וואָס דער אויבערשטער האָט איהם צוגעשיקט?...

נעהמט ער עטליכע טײַערע חפצים פון שטוב, און גיט זיי איבער דעם יורד:

— נאַ פערקויף דאָס, וועסטו האָבען געלד צו האַנדלען, און זאָל דיר השם־יתברך צו העלפען.

אין אַהיים געפאָהרען דער יורד פול מיט שמחה, אין קעשענע די עטליכע הונדערט גילדען, וואָס ער האָט בעקומען פאַר די פערקויפטע חפצים און גענומען זיך אויפס'ניי צום מסחר. און יעצט נאָך די ברכה פונ'ם חתם־סופר, האָט איהם די הצלחה צוגעשפיעלט, געהאַט מזל־ברכה אין יעדער זאַך, האָט ער אין אַ גאַנץ קורצער צייט צוריק אויף די פיס זיך געשטעלט און בישלעכווייז צוריק געוואָרען אַנ'עושר.

און איינמאָל, דאָס איז געווען אין אַ סך חדשים אַרום, קומט אָנצופאָהרען צום הויז פונ'ם חתם־סופר אַ רייכער סוחר אין אַ פיינער קאַרעטע און בעהט, אַז מען זאָל איהם געשווינד אַריינלאָזען צום רבי'ן.

זעהט מען אַנ'אָדם־חשוב, און די אויגען זיינע ברענען אַזוי פאַר אונגעדולד, לאָזט מען איהם גלייך אַריין.

מיט צעשטראַהלטע אויגען, פול מיט שמחה און דאַנק־באַרקייט, לויפט צו דער סוחר צום חתם־סופר:

— רבי! גוטער, הייליגער רבי! — רופט ער אויס מיט אַ ציטערדיג קול פון פרייד — איך בין עס דער סוחר, וועמען דער רבי האָט מיט עטליכע חדשים צוריק טויזענד גילדען געבאָרגט און אָט בין איך יעצט געקומען אָבגעבען דעם חוב. אייער ברכה, רבי, איז מקוים געוואָרען! דער אויבערשטער האָט מיר געהאָלפען...

און נעהמט און צעהלט־אָב אויפ'ן טיש טויזענד גילדען.

— אָט דאָס איז דער חוב, און אָט דאָס — גיט ער צו מיט אַ שטילערען טאָן. עפּיס ווי נישט וואַגענדיג — איז אַ מתנה פאַר'ן רבי, פאַר דאָס דערהאַלטען דאַמאָלס ביים לעבען מיך און מיין בני־בית...

און דערביי עפענט ער אַ ציערונג־קעסטעלע. טהוט פייערדיג אַ בלישטשע פון דאָרט אַ בריליאַנט, און דעם בריליאַנט דערלאַנגט ער דעם חתם־סופר.

— זאָל עס דער רבי נעהמען!

האָט דער חתם־סופֿר גענומען אין דער האַנד אַרײַן דעם בריליאַנט, געשפּיגעלט זיך אַ ווײַלע אין די קאַנטע, העל־שטראַהלענדיגע פֿײַערלעך, וואָס האָבען זיך פֿון איהם גע־צויגען און עס האָט זיך איהם אַ צופֿריעדענער שמײַכעל צו־לײַגט אויף די הײליגע ליפּען, און זײַנע אויגען האָבען אויפֿ־געלויכטען פֿאַר פֿרײד און התפּעלות...

— וואָס פֿאַר אַ שענער בריליאַנט! אַח, אַח, וואָס פֿאַר אַ אבן יקר!... אַ מטמון־גאָלד איז ער דאָך ווערט!...

אַזוי איז ער עטליכע מינוט געשטאַנען בײַם פֿענסטער און געקוקט מיט פֿרײד און התפּעלות אויפֿ׳ן בריליאַנט, נישט אויפהערענדיג אויף איהם אויסצורעכענען לויב־ווערטער.

און אינ׳ם חדר פֿון חתם־סופֿר האָבען זיך דאַמאָלס גראָדע געפֿונען עטליכע פֿון זײַנע תּלמידים, וואָס האָבען דאָס אַלץ צוגעזעהן און צוגעהערט, און עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ אונצופֿריעדען מורמלערײַ צווישען זײ:

— ריבית... פּראָצענט... נשך... רײנער נשך... ווי אַזוי איז זיך דער רבי דאָס מתיר?...

און וואָס מעהר דער חתם־סופֿר האָט געקליבען התפּעלות פֿון דעם בריליאַנט, איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען דאָס מורמלערײַ, ביז דער חתם סופֿר, בײַם פֿענסטער שטעהענדיג האָט עס דערהערט.

האָט ער זיך אויסגעדרעהט אויף דער שטוב אַרוים, און מיט אַ פּערטראַכטען בליק לאַנג לאַנג אָנגעקוקט זײַנע אונצו־פֿריעדענע תּלמידים, דאַן האָט ער אַ שמײַכעל געטהון און ווײך, און ליעבליך אַרויסגערעדט:

— איך האָב מיך דערמאָהנט אַ מעשה, וואָס האָט מיט אַ סך יאָהרען צוריק — איך בין דאַמאָלס אַ יונגעל געווען — פּאַסירט מיט מיר און מײַן רבי׳ן, ר׳ נתן אַדלער זצ״ל.

אַ מעשה הפלא ופלא!

דאָס איז געווען — געדענק איך — אין סאַמע מיטען ווינטער, טבת־צײַט. איבער די וועגען איז דער אָנגעפֿאַלענער

שנײַ געלעגנען אַלעןהויך, און דער פראָסט האָט ממש גע־ברענט. און פונקט אין די דאָזיגע שווערע קרירות האָט דער רבי געדאַרפט איבערפאָהרען, צוליעב אַ וויכטיגען ענין, אין אַ שטעדטעל, וואָס איז געלעגען זעהר ווייט פון באָסקאָוויץ. געוואוינט האָט נאָך דאָן דער רבי אין באָסקאָוויץ, געוועזן דאָרט מרא־דאתרא, און איך האָב זיך בײַ איהם אויפגעהאַלטען כידוע...

מילא, קיין גרויס תענוג האָט דער רבי דערפון נישט געהאַט. גיה לאָז זיך אין אַזאַ ווייטען וועג אַרײַן אין אַזעלכע קרירות!...

נור געלאָזט אין וועג אַרײַן האָט ער זיך — זעהר אַ וויכטיגע קהילה־זאַך געווען — און מיך, ווי תמיד, אויף יעדער נסיעה — מיט גענומען.

פאָהרט מען איבער די ווײַסע, שטילע וועגען. דער פראָסט ברענט אין די אויערען, און דאָ הויבט זיך נאָך אויף אַ שנײַדענדיגער, פראָסטיגער צפון־ווינד, הויבט־אויף פון דר'ערד גאַנצע זײַלען שנײַ, פאַטשט אונז אין די פּנים'ער, שיט־אָן פולע אויגען, קוים מען קאָן דעם אָטהעם כאַפּען!

און אַזוי פאָהרט מען אַ שעה נאָך אַ שעה. שוין נישט געבליבען מעהר ווי אַ צוויי שעה צו נאַכט און דאָ זענען מיר נאָך קיין העלפט וועג נישט אָבגעפאָהרען. דער פוהרמאַן טרײַבט די פערד, וועלכע שטאָלפּערן קוים מיט די פיס, אײַנגעגראָבען ביז איבער די קניה אין שנײַ.

דאָס אַלץ אָבער איז נאָך געווען צו דערלײַדען, ווײַל דעם אמת'ען טעם פון דער נסיעה האָבען מיר דערפיהלט; אַז מיר זענען צוגעקומען צו אַן'אָרט, ווי דער פערפרוירענער שנײַ איז געלעגען פאַר אונז הויך, ווי אַ מויער, די פערד האָבען געבעך, געאַרבײַט און געריסען זיך אויף דעם דאָזיגען שנײַ־באַרג, נאָר זײַ האָבען איהם בשום־אופן נישט געקאָנט אַריבערקלעטערען.

שלעכט! צו אַ ישוב איז נאָך גאַנץ ווײַט, קומט אויס חאָטש צונעכטיגען אויפ'ן פרײַען פעלד און אַזאַ אימה'דיגער קרירה...

בלײַבט, אַז דער בעל־עגלה זאָל אַלײן אַװעק צופֿוס אינ׳ם נאָהענטסטען דאָרף, ברענגען נאָך אַ פּאָר פֿערד, דאַמאָלס װעט מען אֶפּשר דעם בארג קאָנען אַרובערקומען.

דער בעל־עגלה האָט זיך אַװעקגעלאָזט אויפֿזוכען דאָס דאָרף, אָבער נישט אַזוי גיך האָט ער זיך צוריק בעװיזען. עס איז אַדורך אַ שעה און צװײ. די נאַכט האָט שוין אָנגע־הויבען צופֿאַלען. אַ נאַכט — חושך ואפלה, אָהן לבנה און אָהן שטערען. דער פֿראָסט און דער װינט צולאָזען־זיך אַלץ שטאַרקער, און מיר פֿיהלען שוין נישט קײן גאַנץ אבר אין זיך.

ענדליך האָט זיך דערזעהן פֿון דערװײַטען, װי ס׳קומט װער אָן פֿון יענער זײַט װעג, פֿיהרענדיג נאָך זיך צװײ בהמות. און שטעלט אײַך פֿאָר, װי מיר האָבען זיך דער־פֿרעהט אַז מיר האָבען דערקענט אין איהם אונזער הויכען בעל־עגלה...

אַז ער האָט זיך אָבער אָביסעל דערנעהנטערט צו אונז און איך האָב דאַן אַ קוק געטהון אויף די צװײ פֿערד, װאָס ער האָט געפֿיהרט נאָך זיך, בין איך שטאַרק דערשראָקען געװאָרען:

—הא!... װאָס האָט ער געטהון!...

— װאָס איז, משה׳לע? װאָס האָסטו זיך דערשראָקען?— פֿרעגט מיך דער רבי.

— סטײַטש, אַזאַ נבלה! בין איך אויסער זיך. — מיר װאַרטען אָב אַזוי לאַנג אין אַזאַ קרירה ערשט ער ברענגט אונז צופֿיהרען צװײ אָקסען... װאָס װעלען מיר מאַכען מיט זײ?... לא תחרוש בשור ובחמור יחדיו כתיב... ס׳איז דאָך כלאים!...

דערהערט, אַז דער בעל־עגלה פֿיהרט אַנשטאַט פֿערד— אַ פּאָר אָקסען, איז דער רבי שטאַרק דערפֿרעהט געװאָרען, האָט אַזש אַ הויב־זיך געטהון פֿון אָרט און אַ פּאַטש געטהון מיט די הענד פֿאַר פֿרײד און נחת, און עס האָבען מיט אונגעװעהנליכע שמחה זיך צושטראַהלט זײַנע הײליגע אויגען...

— כעס זיך נישט, משה'לע, — זאָגט ער צו מיר מיט אַ שיינענדיג פּנים. — מיר דאַרפען דאַנקען דעם רבונו של עולם, וואָס האָט אונז געשאַפען די געלעגענהייט צו קאָנען מקיים־זיין די מצוה פון כלאים בײַ אַ בהמה, נאָך אין מיטען אַזאַ שווערען וועג דערצו... ווען־ווען וואָלט דאָס מיר אונטער־געקומען?...

דער חתם־סופר ז"ל איז אויף אַ וואַרע שטיל געבליבען, קוקענדיג מיט שטאַרקע צופריעדענהייט אויף דעם בריליאַנט, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט פון זיין ערצעהלען אין דער האַנד געהאַלטען. דאַן האָט ער גוטמוטהיג אַ קוק־געטהון אויף זיינע תּלמידים, און מיט אַ גליקליכען שמייכעל אויף די ליפּען אַרויסגערעדט:

— ווען וואָלט מיר אויסגעקומען מקיים צוזיין אַ מאָל די מצוה פון נישט נעהמען קיין ריבית?... נו, האָט מיר דער רבונו של עולם דאָס צוגעשיקט, און נאָך וואָס פאַר אַ ריבית — אַ טייערען, זעלטענעם בריליאַנט... אַ מטמון־געלד די ווערט... נו, דאַרף איך זיך נישט פרעהען?...

— נעהם, סוחר, נעהם דעם בריליאַנט, דו האָסט דאָך דערמיט נישט געמיינט חלילה, קיין שלעכטס... און זאָל דיר השם יתברך ווייטער העלפען!...

די תּלמידים האָבען פערשעהמטערהייד, אָבער פול מיט התפעלות, געקוקט אויף זייער גרויסען רבי'ן.

כ.

דער כח וויינע.

ווי אונגעהויער שטאַרק עס זענען געווען זיינע גייסטיגע כחות, זיין אייזענער מח און וואונדערליכער זכרון, אַזוי שטאַרק זענען אויך געווען זיינע פיזישע כחות, נישט קוקענדיג אויף דאָס שטענדיגע תורה־לערנען, אויף דאָס לעבען כמעט גאָר אָהן שלאָף, ערנעהרען זיך מיט אַ כזית איינמאָל אין אַ מעת־

לעת, און אויף די גרויסע, גרויסע דאגות, וואס ער האט שטענדיג געהאט: דאגות פאר דער קהילה, דאגות צוליעב דער גרויסער ישיבה און די הונדערטער תלמידים זיינע, פאר וועלכע ער האט געזארגט ווי א געטרייער טאטע, ווען ערשט דער שווערער צער גידול בנים!..

מיט די צווייטע רבנית, שרה'לע, האט ער געהאט פיער זוהן און זיעבען טעכטער, פון וועלכע איין זוהן איז געשטארבען זייענדיג פיער יאהר אלט, און אויך צוויי טעכטער זענען מיידעלוויז געשטארבען. אבער אויך די איבעריגע קינדער — מעהר רוחניות ווי גשמיות — פלעגען אפט קראנק ווערען, פון וואס דאס ברענענדיגע פאטער-הארץ פלעגט זיך אזוי קארטשען פאר יסורים.

איינמאל — דערצעהלט מען — זענען איהם אלע קינדער שווער קראנק געווארען, נור בעזונדערס מסוכן איז געוועזען זיין זוהן ר' אברהם שמואל בנימין, וואס איז דאן זעקס יאהר אלט געוועזען. עטליכע קרענק האבען צוגעשלאגען דעם קינד מיט אמאל, ביז צו ענדע האבען די דאקטוירים אנגעפינגען, אז עס איז פאר דעם קינד מעהר קיין רעטונג נישט דא, און מעהר ווי עטליכע שעה וועט עס שוין נישט לעבען. האט מען געלאזט רופען די חברה-קדישא-לייט, וועלכע האבען ליכט אנגעצינדען און געזאגט די נויטיגע קאפיטלעך תהלים. דא האבען זיך די רופאים אויפגעשטעלט אוועק צוגעהן זאגענדיג צום חתם-סופר:

— מיר ווייסען אז איהר זענט א הייליגער מאן, און אויב איהר וועט מיט אייער תפלה גאר נישט העלפען, איז קיין האפנונג מעהר נישט פארהאן.

דא האט דאס הארץ פון חתם-סופר זיך א צאפעל געטהון, און ער האט זיך אוועקגעשטעלט אין א ווינקעל און הויים געבעטען א קורצע תפלה.

און די דאקטוירים א קוקטהוענדיג דאן צום קראנקען קינד, זענען שטעהן געבליבען ערשטוינטע: שוין איז געהאט פארגעקומען א ענדערונג צום גוטען אינ'ם קינד'ס קראנק-הייטען.

— איצט — האָבען די דאָקטוירים געזאָגט — זענען פאַר־האַן גרויסע האָפנונגען...

— און איך — האָט דער חתם־סופר געענטפערט — האָב קיין איין מינוט נישט פערלוירען דעם בטחון צום גרויסען בעשעפער.

צוזעהענדיג איז דעם קינד אלץ בעסער און בעסער געוואָרען. די חברה־קדישא־לייט האָבען פערלאָשען די ליכט, און אַוועק מיט שמחה.

און—מען דערצעהלט—אַז צו איינעם פון זיינע מקורבים האָט דער חתם־סופר דאַן געזאָגט:

— איך האָב איהם דאָס אויסגעבעטען אויף איין יובל...

און ער האָט שפעטער טאַקי נאָך פופציג יאָהר גע־לעבט.

נישט קוקענדיג אָבער אויף דעם אַלעם, איז דער חתם־סופר געווען קאָן מען זאָגען אַ גבור, אַ גלייבער, שטאַרקער קערפער, פעסטע זיכערע טריט, אַ פּאָר אונגעהויער טיעפע, ענערגישע, מיט פייער און חכמה שפריצענדיגע אויגען.

איינמאָל — דערצעהלט מען — זיצענדיג אויף אַן אסיפה פון די גרעסטע נכבדי העיר, וואָס פלעגען קיין שום זאַך נישט בעשליסען אָהן זיין הסכמה, און ער פלעגט שטענדיג זיין אויף די אסיפות דער יושב־ראש, האָט ער דאַן אויף יענער אסיפה געוואָלט איינפיהרען אַ געוויסע תקנה. אַלע פערזאַמעלטע האָבען מסכים געווען דערויף אויסער איין שטאָדטישער גביר, וואָס איז געווען דאַגעגען. די תקנה האָט אָבער נויטיג געדאַרפט איינגעפיהרט ווערען אין די קהילה, און דער חתם־סופר איז דערפאַר אויף יענעם ניין־זאָגער שטאַרק אין כעס געוואָרען, אַ שטעל אויף זיך געטהון פון אָרט און אַ קלאַפּ געטהון איבער'ן דיקען דעמבענעם טיש:

— איך זאָג — יאָ! —

אַז דער טיש, וואָס פיער מענשען האָבען איהם קוים געקאָנט אויפהויבען איז אין צווייען צושפאָלטען געוואָרען...

זייענדיג שוין אין טיעפען עלטער האָט ער זיך נאָך

געפּיהלט יונג און קרעפּטיג, די שיך פּלעגט ער אָנטהון שטעהענדיג אויף איין פּוס, ווי אַ פּלינק קינד, און די לעצטע טעג סוכּות, טאַנצענדיג די אייניקלעך נים, ווי ער פּלעגט זיך נוהג-זיין, האָט ער מיט צווי פינגער די שטאַרקסטע ניס געעפּענט, די יאָדרעס צוטיילענדיג די פּרעהליכע אייניקלעך.

כא.

זיין שרייבען.

ווינט עס זענען בטל געוואָרען די גרויסע ישיבות אין יענע אַלט-אַלטע צייטען, איז נישט געווען מעהר אין קיין שום אָרט אַ ישיבה מיט אַזאַ רייכער צאָהל תּלמידים ווי די ישיבה פון חתם-סופר, הונדערטער, הונדערטער תּלמידים האָט די ישיבה געצעהלט, פון פערשיעדענסטען עלטער, און פון די פערוואָרפענסטע ווינקעלעך אין דער גרויסער וועלט, צווישען זיי זענען געווען די גרעסטע לומדים, די העלסטע תּלמוד'ישע שטערען פון יענער צייט.

דער שם פון חתם-סופר האָט זיך דאַן געטראָגען איבער דער גרויסער וועלט, אַרויסרופענדיג פערוואונדערונג ביי אַלע דאַמאָלס'דיגע גאונים, וואָס האָבען זיך געווענדעט צו איהם מיט זייערע ספיקות און שאלות פון די וויטסטע מקומות, צוהערענדיג זיך מיט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט צו זיינע „תּשובות".

צו יענער צייט האָט זיך דאָס מיניסטעריום אין לאָנדאָן, נישט איינמאָל געווענדעט צו איהם מיט שאלות, וואָס אַנ-בעטרעפט דעם יודישען דת, פערלאָזענדיג זיך דורכאויס אויף זיין מיינונג.

שטאַרק דאַגעגען איז געווען דער חתם-סופר אַז זיינע „שאלות ותשובות" זאָלען געדרוקט ווערען ביי זיין לעבען. און אַז איינמאָל האָט איינער פון די תּלמידים זיינע, ר' מרדכי שענלאַנק, וואָס האָט געהאַט אַ אויסערגעוועהנליכען

זכרון, און געדענקט יעדע תשובה, בעל־פה, וואָס ער האָט מיט וויפיעל יאָהרען צוריק געהערט פונ׳ם רבי׳ן, — אַז דער דאָזיגער האָט דעם חתם־סופר׳ס אַביסעל „תשובות״ געלאָזט אָבדרוקען, האָט איהם דאָס דער חתם־סופר שטאַרק פאַר־געוואָרפען, און שטרענג פערזאָגט, אַז דאָס זאָל שוין מעהר נישט פאָרקומען.

שרייבענדיג זיינע תשובות פלעגט ער קיינמאָל נישט פערריכטען דאָס אויפגעשריבענע, נישט ענדערען קיין זאַך. יעדע שורה פלעגט פערבלייבען אַזוי ווי די פעדער האָט זי צום ערשטען מאָל אַרויסגעבראַכט, געוועקט דורך דעם ערשטען בליץ־געדאַנק.

שרייבען פלעגט ער כמעט יעדען טאָג, און שרייבען שעה׳ן־לאַנג נישט מיעד צו ווערען. מעהר ווי אין די יונגע יאָהרען האָט ער געשריבען אויף דער עלטער, נישט פיהלענ־דיג קיינמאָל קיין מיעדקייט און שווערקייט אין מח, נאָר די הענד פלעגען איהם אַמאָל אָבשטעהן פון דאָס שרייבען דורכאַנאַנד.

איינמאָל אויף דער עלטער האָט ער דערצעהלט זיינעם אַ מקורב:

— היי־יאָהר האָב איך אַ גאַנצען ריס פאַפיער אויסגע־שריבען. דער קאָפּ, ב״ה, אַרבייט ווי תמיד, נאָר די הענד ווערען שוין טיילמאָל מיעד... די עלטער!..

און ער האָט אַ זיפץ געטהון...

כב.

וואָס מען דערצעהלט...

פיעל לעגענדען ווערען דערצעהלט איבער׳ן חתם־סופר׳ס גרויסען כח אויך אין נסתר ווי ער האָט נישט איין נשמה געראַטעוועט דורך הייליגע שמות און קמיעות, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט ביי גאָר אַ גרויסער סכנה, ווייל אַזוי האָט

ער צוליעב זיין גרויסער עניוות, פיינד געהאט צו באוויזען מופתים, און יאהרען לאנג געהיטען זיך, אז עס זאל נישט ענטפלעקט ווערען זיין כח אין נסתר.

נאר איינמאל, דערצעהלט מען, האט ער זיך ארויס־געכאפט.

פארגעקומען איז עס אזוי:

געזעסען איז דאמאלס דער חתם־סופר אין זיין חדר און געלערנט. ביי זיין זייט איז געזעסען איינער פון זיינע זוהן, און נאך צוויי ישיבה־בחורים האבען זיך דארט געפינען, וואס האבען מיט צוגליהטע אויגען און פערחאפטע אטהעמס זיך צוגעהערט צו זיין טרויעריג־זיס לערנען. פלוצלינג איז אריינ־געקומען אינ'ם חדר עפעס איינער מיט א זעלכע פייערדיגע אויגען, און דער חתם־סופר איז גלייך אויפגעשפרונגען פון זיין טיעפער שטוהל, געגעבען איהם „שלום" און אריין מיט איהם אין דערביי־איגען חדר. צוריקגעקומען פון דארט אין עטליכע מינוט ארום אהן יענעם אונבעקאנטען, האט ער געפרעגט אלע דריי, אויב זיי האבען יענעם וואס איז דא געווען „שלום" געגעבען. זיין זוהן און איינער פון די בחורים האבען געענטפערט, אז — יא, דער צווייטער בחור אבער האט דעם אמת געזאגט, אז — ניין. און דער חתם־סופר האט מיט גרויסע, העל־ברענענדיגע אויגע, ארויסגערעדט:

וואויל איז דעם וואס האט איהם „שלום" געגעבען און ער האט איהם מיט „שלום" געענטפערט!... דאס איז געווען אליהו הנביא!...

א צווייט־מאל ווידער האט פאסירט אזא מעשה:

אויף איינע פון די יודישע געסלעך אין פרעשבורג האט געוואהנט א פרומע יודענע מיט'ן נאמען לאה.

די דאזיגע האט געהאט א יונגעלע, וואס האט ליעב געהאט ארומצוזוכען שטענדיג אין די בערג מיסט, וואס זענען געלעגען דארט אויפ'ן גרויסען הויף, אפשר וועט ער דארט געפונען עפעס א זאך צושפיעלען זיך דערמיט. ויהי היום, זוכענדיג אזוי אין די בערג מיסט איז אריין אינ'ם יונגעלע א רוח פון יענע לייט. איז געלאפען דאס יונגעלע — וואס איז באלד עפיס אזוי פערענדערט געווארען — אין שטוב אריין

און איינ׳ם חדר פון זיין רבי׳ן ביי וועמען ער האָט געלערנט, און אָבגעריסען די מזוזות פון דער טהיר, און אַלע חומשים און סידורים וואָס זענען איהם נור אונטערגעקומען, דאָס-גלייכען אַז ער האָט געפונען עפּעס אַ בלעטעל פון אַ סידור אָדער אַ גמרא האָט ער עס גלייך צופּיצעלט, שפּרינגענדיג דערביי ביז צום באַלקאָן, מאַלענדיג מאָדנע ווילדע העויות, און ס׳פּנים׳ל האָט זיך בכדר פערענדערט, דאָ אַזאַ און דאָ אַנ׳אַנדער געשטאַלט בעקומען און פערקעהרט, אַז ער האָט געפונען ערגעץ אַ גוי׳יש בוך האָט ער עס פלאַמענדיג געקושט מיט זיינע ליפּלעך און געקניהט דערפאַר, אָנרופענדיג פער-שידענע נעמען פון דער עבודה זרה.

איז געוואָרען אַ רעש אין שטאָדט פון דער מעשה מען איז געלאָפען אָנקוקען דאָס בייזע ווינדער, עס זענען גע-קומען להבדיל, אויך גלחים און זיך שטאַרק געחידוש׳ט, פון וואַנען דאָס יודישע קינד ווייס אָנצורופען די אַלע נעמען פון דער עבודה זרה...

דאָ זענען געקומען די גרעסטע לייט פון שטאָדט צום חתם-סופר, ער זאָל רחמנות האָבען אויף דעם אומגליקליכען יונגעלע און איהם העלפען. האָט דער חתם-סופר געהייסען ברענגען דאָס יונגעלע, אַוועקגעשטעלט איהם צווישען די קניען זיינע, און געהייסען איהם איבערזאָגען אַ שטיקעל חומש, דאַוונען עפּעס פון סידור, און דאָס יונגעלע האָט אַלץ געפאָלגט. נאָר אַז מען האָט איהם צוריקגעפיהרט פון חתם-סופר און פאַרבייגעגאַנגען מיט איהם פאַר׳ן בית המדרש פון דער ישיבה, וואָס האָט זיך געפינען אויפ׳ן זעלבען הויף, האָט הערענדיג פון דאָרט „קדיש" און „אמן" זאָגען — דער רוח אין איהם ווידער אָנגעהויבען אַרבייטען מעשים... און ווידער האָט דאָס יונגעלע בעוויזען די אַלע ווילדע מעשים זיינע.

דאָס האָט זיך אַזוי צוויי מאָל איבער געחזר׳ט.

דאַמאָלס האָט דער חתם-סופר גערופען זיין תלמיד ר׳ פישעל סופר, און געגעבען איהם אַ קמיע, אַז ער זאָל גערהן און אָנבינדען זי דעם יונגעלע אויפ׳ן האַלדז, עפענען דאָס פענסטער און בעפעהלען, אַז דער רוח זאָל אַרויס דורכ׳ן

קלענסטען פֿינגער'ל. אין די זעלבע צײַט זאָלען שטעהן הינטער'ן פֿענסטער עטליכע שטאַרקע מענשען מיט אַ שוואַרצען הינד, און דעם ראָזינגען הינד זאָל ער בעפֿעהלען, זאָל אַרײַן דער רוח, און די עטליכע מענשען זאָלען גלײַך דעם הונד אַרײַנוואַרפֿען אין אַ זאַק, פֿערבונדען און אַרײַנוואַרפֿען אין טײַך.

אַז ר' פֿישעל סופר איז אַהינגעקומען מיט דער קמיע און געעפֿענט די טהיר פֿון דעם חדר, וואו דאָס יונגעלע איז געװען, איז דאָס יונגעלע אויפגעשפּרינגען מיט גרויס כעס, געוואָרפֿען זיך אַקעגען איהם מיט די פֿויסטלעך זײַנע, געטופּעט מיט די פֿיסלעך און שרעקליך געשריגען. דאָ האָט איהם ר' פֿישעל סופר פֿעסט אַרומגענומען, אָנגעבונדען איהם די קמיע אויפֿ'ן העלדזעל, איז דאָס יונגעלע גלײַך אַנידער־געפֿאַלען אויף דר'ערד, און ביטער געװײַנט און געקרעכצט, ווי פֿון עפּעס אַ גרויסען שמערץ, — און דאָס קלענסטע פֿינגער'ל האָט זיך איהם געעפֿענט...

האָבען די עטליכע צוגעגרײטע מענשען אין דרויסען אַ חאַפּ געטהון דעם שוואַרצען הונד אין אַ זאַק אַרײַן, פֿער־בונדען מיט שטריק, און אַרײַנגעוואָרפֿען איהם אין דונאַי.

און אין עטליכע טעג אַרום איז דאָס יונגעלע אינגאַנצען געזונד געוואָרען, און שפּעטער איז פֿון איהם אַ גרויסער למדן אויסגעוואַקסען.

אַ צווײטע מאָל אויך בײַ אַזאַ מעשה מיט אַ קינד, וואָס אַ רוח פֿון יענע לײַט האָט זיך בעזעצט דערין, האָט דער חתם־סופר אויסגעקליבען צעהן פֿון זײַנע תּלמידים, יראים ושלמים, און געהײסען זיי אין אײנעם פֿון זײַנע חדרים זיך אויסשטעלען אין אַ ראָד, פֿעסט אָנגעהמענדיג זיך פֿאַר די הענד, און דאָס יונגעלע אין װעלכען דער דיבק איז געזעסען, אַוועקשטעלען אין דער מיט.

די תּלמידים האָבען געטהון ווי זייער רבי האָט זיי געהײסען, אָנגענומען זיך פֿעסט פֿאַר די הענד אין אַ ראָד, דאָס יונגעלע אַרײַנשטעלענדיג אין דער מיט, און גענומען זאָגען די קאַפּיטלעך תּהלים, וואָס דער חתם־סופר האָט זיי אָנגעוויזען, און מכוון געווען דערבײַ די און די כּוונות, ווי ער האָט זיי געהײסען. אַזוי האָבען זיי מתפּלל געווען בערך

אַ פיערטעל שעה צייט, בעת וועלכעס דאָס יונגעלע האָט געמאַכט שרעקליכע יללות און ווילד געשפּרונגען, רייסענדיג זיך אום פונ׳ם ראָד זיך אַרויסצוקריגען. פּלוצלינג האָט די שויב אַ קלינג געטהון און צושפּרינגען אויף שטיקלעך, און דאָס יונגעלע איז אַנידערגעפאַלען אויף דר׳ערד שרעקליך איינגעמיעדט. בּיסלעכווייז אָבער איז ער צו זיך געקומען, געעפענט די אויגעלעך, די בעקעלעך האָבען באַלד בעקומען זייער געוועהנליכע פארב, און ער איז געוואָרען געזונד און פריש, ווי ס׳וואָלט מיט איהם קיין שום זאך נישט געהאַט פּאַסירט...

אזעלכע און ענהליכע לעגענדען דערצעהלען זיך וועגען חתם־סופר זעהר פיעל.

כג.

די פּלומפּ.

איינע פון די שענסטע און רייכסטע גאַסען אין פרעשבורג איז געווען די שלאָסבורגער גאַס, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכען באַרג, אַרומגערינגעלט פון דער נידער מיט גרינעם וואַלד און שענע פּרעכטיגע טהאָלען, וואָס האָבען אום ווינטער מיט אַריבערגעצויגענע ווייסע שניי־דעקען, און זומער — מיט די רייכע גרינסען און פאַרביגע בלומען, אַרויפגעקוקט, ווי מיט בענקשאַפט, אויפ׳ן הויכען באַרג...

אָט אויף יענער גאַס, וואו די לופט איז געווען פרייער און ריינער, האָט געוואוינט דער חתם־סופר ז״ל, צוליעב זיין שוואַכען געזונד.

אַ חסרון האָט אָבער געהאַט די גאַס, וואָס צוליעב די הויכקייט פון אָרט איז דאָרט געווען זעהר שווער אַ ברונען אויסצוגראָבען, און צוליעב דעם האָבען זיך אויף דער גאַס נור געצעהלטע ברונעם געפינען.

ויהי היום האָט אויסגעבראָכען אַ שרפה אין חתם־סופר׳ס

הויז, און אין גאַס, וואו מען האָט זיך גלײַך דערפֿון דערוויסט, האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ שרעקליכער טומעל, מענשען זענען געלאָפֿען פֿון טהיר און טויער, און פֿון אַלע זײַטען האָט זיך געטראָגען דאָס אונרוהיגע געשרײַ:

— עס ברענט אין רבי'נס הויז!

ווער עס האָט נור געהאַט אַ'עמער אָדער אַשעפֿעל איז ער געלאָפֿען פֿערסאַפּעטערהײַד וואַסער אָנשעפֿען. און אַרום די עטליכע ברונע'ס האָט זיך געטהון חושך. קולות און געוואַלדען, און אַ געדרענגערײַ — דערדריקט צו ווערען. וואָרום צו אַלע צרות איז דאַמאָלס פּונקט ווייניג וואַסער נאָך געווען אין די ברונע'ס, איז אָנגעקומען מיט גרויס שווערינקײַט דאָס אָנשעפֿען אַ'עמער וואַסער, און דאָס פֿײַער אין'ם רבי'נס הויז האָט זיך דערווײַל געשטאַרקט פֿון מינוט צו מינוט. שוין האָט עס געהאַט זיך פֿערשפּרײַט איבער אַלע חדרים; דורך די געפּלאַצטע שויבען האָבען אַרויסגעזעצט אין דער גאַס אַרײַן געדיכטע רויך־קנוילען און לאַנגע, קנאַקענדיגע פֿײַער־צונגען, און דאָ איז קײן וואַסער נישטאָ מיט וואָס אײַנצולעשען דאָס בושענדיגע פֿײַער!

זעהר ביטער!

און אָט אין דער דאָזיגער בהלה איז אַ בחור, מיט אַ גרויסען עמער אין דער האַנד, אַרויסגעלאָפֿען אויפֿ'ן הויף, וואָס הינטער'ן חתם־סופֿר'ס דירה, וואו געשטאַנען איז אַן אַלטער, פֿערדאָרבענער פּלומפּ, וואָס האָט שוין יאָהרען־לאַנג קײן וואַסער נישט געגעבען. דער בחור אָבער האָט דערפֿון נישט געוואוסט, געזעהען אַ פּלומפּ, לויפֿט ער צו און נעהמט האַסטיג פּלומפּען און... עס האָט אָנגעהויבען גיסען וואַסער שטראָמענווײַז, גאָר נישט צום אָבהאַלטען!

איז זיך באַלד צונויפֿגעלאָפֿען אַרום דער פּלומפּ אַ גרויסער עולם מיט עמער און שעפֿלען, און נישט לאַנג געדויערט איז דאָס פֿײַער געווען אײַנגעלאָשען.

בערוהיגט זיך נאָך דער שׂרפֿה, האָט עס יעדערען שטאַרק גע'חידוש'ט:

— ווי קומט עס, אַז דער פֿערדאָרבענער פּלומפּ זאָל פּלוצלונג צוריק אָנהויבען געבען וואַסער?

איז מען אויס נייגיער צוגעגאנגען צו איהם און געפּרובט יעצט אפלומפּ טהון האָט הייזעריג געקרעכצט און הארט און פער׳עקשנ׳ט אָבגעקלינגען דאָס פערושאַוויערטע, אייזערנע פלומפּ-הענדטעל, נור קיין איין טראָפּען וואַסער נישט אַרויסגעגעבען.

האָט מען פערשטאַנען, אַז דאָס איז געשעהן אַ נס אין רבי׳נס זכות...

און די דאָזיגע פלומפּ דערצעהלט מען, שטעהט נאָך ביז׳ן היינטיגען טאָג אויף יענעם אָרט פערדאָרבענערהייד, נישט אַרויסגעבענדיג קיין וואַסער...

כד.

דאָס מוהל-מעסער.

איבערנעהמענדיג דאָס כתא רבנות אין פרעשבורג, האָט די גאַנץ קליינע — צו יענער צייט — ירושלים׳ער יודישע קהלה איהם דעם כבוד צוגעטיילט, מאַכענדיג איהם פאַר אַ נשיא איבער זיך. וועגען יעדען וויכטיגערען ענין פלעגט מען איהם פון דאָרט מיטטיילען, און טהון ווי ער פלעגט הייסען. ער האָט פערוואַלטעט מיט אַלע ארץ-ישראל געלדער, אוועקגעגעבען אַסך מיה דער דאָזיגער אַרבייט, און אונגעהויערע טובות געטהון די דאָרטיגע יודען.

אַלס אויסדרוק פון טיעפע דאַנקבאַרקייט האָט מען איהם צוגעשיקט פון דאָרט אַ שטיקעל פונ׳ם בוים הינטער וועלכען ווי עס ווערט דערצעהלט זאָלען זיך האָבען אונטערגעשפּאַרט די מלאכים, וואָס זענען געקומען צו אברהם אבינו.

דערהאַלטענדיג די דאָזיגע מתנה האָט דער חתם-סופר גענומען דאָס מוהל-מעסער פון זיין רבי׳ן, דעם גאון ר׳ נתן אַדלער, און אוועקגעגעבען עס צו אַ בעל-מלאכה ער זאָל פון דעם האָלץ מאַכען דערצו אַהענדטעל, געלאָזט עס איבער-דעקען מיט ריינעם זילבער, און אויסקריצען דערויף דעם פסוק: „והנה שלשה אנשים נצבים עליו״.

און מען דער־צעהלט, אז זינט דער חתם־סופר האט זיך גענומען בענוצען מיט דעם דאזיגען מוהל־מעסער האט זיך איהם קיינמאל נישט געטראפען דער מינדסטער פארפאל ביים מלה־זיין...

כה.

זיין שיחת חולין.

דאס פנים פון חתם־סופר האט שטענדיג געשיינט און געלויכטען, און ס'איז שווער געווען דערין אריינצוקוקען ווי אין די זון אין העלען טאג.

זיינע טריט און זיינע רייד, אפילו די געוועהנליכע שיחת חולין זיינע, זענען געווען געצעהלט און געמאסטען.

איינמאל — דערצעהלט מען — האט ער שפאצירט אין גארטען, וואס האט זיך געפינען נישט ווייט פון זיין הויז, און איהם האבען בעגלייט א סך פון זיינע תלמידים און מקורבים, צווישען זיי אויך איינער פון זיינע זיהן. צוגעקומען צום ארט וואו ער פלעגט שטענדיג זיצען, האט ער זיך אויך דאן אוועקגעזעצט ליעבלעך שמועסענדיג מיט די וואס זענען גע־שטאנען ארום איהם, וועגען פערשידענע זאכען. נאר דער זוהן זיינער. וואס האט זיך מיט איינעם פון די בעגלייטער ארייגעלאזט אין א פלפול, איז נישט געשטאנען ארום דעם פאטער, נאר מיט יענעם אב און אויף געגאנגען איבער דער אלעע, און פארביי געהענדיג אזוי פאר דעם חתם־סופר פער־טיעפט אינ'ם פלפול, האט דער לעצטער א רוף געטהון צו זיך דעם זוהן, און צו איהם געזאגט:

— הער, ליעב קינד מיינס, דו ביסט דא אין גארטען אפילו עוסק בדברי תורה, און איך שמועס סתם אזוי וועגען פערשידענע זאכען. נאר מיין נישט, אז איך רעד, חלילה, דברים בטלים, מיין מויל האט נאך קיינמאל קיין ווארט נישט ארויסגעבערענגט גלאט אין דער וועלט אריין. יעדעס ווארט

האָט זיין צוועק, און ווען ער ווייזט זיך נישט אַרויס באַלד. קומט ער אין אַ צייט אַרום...

און אַ צווייט מאָל האָט ער געזאָגט צום זוהן:

— גלויב מיר, מיין קינד, איך האָב נאָך אין מיין לעבען קיינמאָל נישט גענומען אַ חפץ פון דעם אָרט און אַוועקגעלייגט אויף אַ צווייט אָרט, אָדער אָנגערירט עפּעס אַ זאַך, אַז איך זאָל נישט האָבען געהאַט קיין טעם און כוונה דערביי...

זינט איך בין צום שכל געקומען — פלעגט ער זאָגען — האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט קיין מחשבה זרה בשעת תפלה, און מיין האַרץ האָט נישט געוואוסט קיינמאָל פון קיין גאוה׳־דיגע מחשבה ביים לערנען תורה ברבים, חוץ איינמאָל ווען איך בין אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין דרעזניטץ, ביי די ערשטע דרשה, וואָס איך האָב דאָרט געהאַלטען האָב איך געוואָלט אַרויסווייזען מיין כח אין לערנען, אָבער דער רבונו של עולם ווייס אַז דאָס איז אויך געווען כדי מען זאָל מורא האָבען פאַר מיר, און מיינע ווערטער זאָלען ווערען צוגעהערט...

זיין הויז איז געוואָרען געפיהרט אויפ׳ן גאַר רייכען שטייגער. בכלל האָט קיין געלד און זילבער נישט געהאַט קיין חשיבות אין זיינע אויגען, און אַז עס האָט זיך געהאַנדעלט ביי קידוש השם, דאַמאָלס איז ער גאָר געווען פערשווענדעריש מיט זיין געלד.

אַז ער פלעגט זומער־צייט פאָהרען אין די נאָהענטסטע באַד־ערטער אַרום פרעשבורג, קיין יערגען אָדער בעזינג, האָט די פרעשבורגער קהילה געדינגען צוויי קאַרעטעס, וואָס זענען געשטאַנען גרייט פון אין־דערפריה ביז ביינאַכט אַהין און צוריק צופיהרען די דיינים, לומדים און סתם אָנגעזעהענע לייט פון שטאָדט, וואָס האָבען נישט געקאָנט לעבען אָהן איהם, און געמוזט חאַטש איינמאָל אין דער וואָך זיין לויטער פנים אָנזעהן.

אויפנעהמען אַ מענש פלעגט ער שטענדיג מיט גרויס צופריעדענהייט, מיט אַ שמייכלענדיג פנים, אויס הערען מיט אונגעהויערע געדולד יעדען ענין, רעדען מיט׳ן תלמיד חכם און עם הארץ, מיט׳ן רייכען און אָרימען, מיט׳ן נכבד און

מבוזה׳דיגען, מיט יעדען בעזונדער לויט יענעמס פֿערשטאַנד און השגות, און עצות פֿלעגט ער געבען און העלפֿען יעדען לויט זײַן יכולת.

און אַסך מאָל פֿלעגט ער זאָגען:

— דער אויבערשטער האָט מיר געגעבען דרײַ חושים, וואָס אַרבײַטען צוזאַמען: גאַנץ אָפֿט רעד איך מיט אַ מענשען, און דערבײַ טראַכט איך מיר נאָך וועגען עפּעס „אַ שאַלה ותשובה", און בין מיר אין דיזעלבע צײַט מסדר דעם „שיעור" פֿאַר די בני ישיבה אָדער גרײַט מיר צו עפּעס אַ דרשה...

כו.

זײַן התנהגות.

מוכיח־זײַן אַ מענשען פֿלעגט ער שטיל, געלאַסען, מיט אַ רוהיג, אַנגענעהם קול, היטענדיג זיך, אַז קײַן אַנדערע זאָלען זיך נישט צוהערען דערצו, כּדי יענעם נישט מבייש צו־זײַן. דערפֿאַר אָבער אַז עס איז געקומען צו אַ ענין בײַ וועלכען מען האָט געדאַרפֿט מוסר׳ן דעם גאַנצען כּלל, דאַמאָלס זענען זײַנע ווערטער געווען פֿלאַם־פֿײַער. מיט אַ אונגעהויערע קראַפֿט און שטאַרקײַט פֿלעגט ער רעדען, און די אויגען פֿלעגט איהם אויפֿפֿלאַקערען אַ שטראָפֿענדיג, צאָרניגג פֿײַער, און ביטערע, שנײַדענדיגע, מורא׳דיגע ווערטער פֿלעגען זיך שיטען פֿון זײַן מויל.

איבער יעדען יודישען מנהג, אַפֿילו דעם סאַמע גרינג־סטען, פֿלעגט ער שטורמען, וועלטען אײַנלײַגען, נישט דער־לאָזענדיג עובר־זײַן אויף איהם, און מלחמה געהאַלטען געגען יעדער נײַער זאַך, וואָס מען האָט געוואָלט אַרײַנברענגען אין׳ם יודישען לעבען.

בײַם טהון אַ מצוה פֿלעגט ער זיך אָנשטרענגען מיט אַלע מעגליכקײַטען, אַז די מצוה זאָל ווערען געטהון דורך איהם אויפ׳ן שענסטען אופֿן.

ער האָט אויך מקיים געווען דער „ואתם כתבו לכם את השירה הזאת"... ער האָט זיך געלאָזט שרייבען א ספר תורה דורכ'ן סופר מומחה ר' זוסמאַן, און דער חתם־סופר אליין האָט איהם געלערנט די כוונת, וואָס ער זאָל מכוון זיין ביים שרייבען און די סודות פון די אותיות...

איינמאָל — דערצעהלט מען — צווישען מנחה ומעריב איז דער דאָזיגער סופר ר' זוסמאַן אַרויסגעקומען פון חתם־סופר'ס חדר אין דרויסען אַרוים. דאָרט זענען געשטאַנען עטליכע בעלי־תורה און געשועסט צווישען זיך. איז צוגעלאָפען צו זיי ר' זוסמאַן מיט גרויס שמחה, מיט בליצענדיגע אויגען פאַר פרייד, און אויסגעשריגען:

— געלויבט השם יתברך, איך קאָן שוין דאָס אלף בית!...

קוקען איהם יענע אָן פערוואונדערט:

— וואָס הייסט?... איהר קענט ב"ה מעהר ווי אלף בית.

— ניין! — האָט זיך ר' זוסמאַן געענטפערט מיט שטייגענ־דיגער שמחה — דאָס האָט מיך דער רבי נאָר־וואָס אויסגעלערנט. איצט פערשטעה איך ערשט דעם סוד דערפון!...

צדקה פלעגט ער צוטיילען אפינפטעל פון זיינע הכנסות. א סך פרעשבורגער תלמידי חכמים פלעגט ער אריינשיקען יעדער וואָך א געוויסען סכום, דאָסגלייכען צו רבנים פון פערשיעדענע ערטער, וועגען וועלכע ער האָט געוואוסט, אַז זיי לעבען אין דער שטיל אין דחקות. און די ראשי־קהלה אין פרעשבורג זעהענדיג ווי גרויס עס זענען זיינע בעדערפענישען, האָבען זיי בעשלאָסען נישט צו געבען איהם קיין בעשטימטע שכירות, נאָר וויפיעל ער וועט דאַרפען זאָל ער עס בעקומען פון קהל'ס קאַסע.

אריינקומענדיג אין די עלטערע יאָהרען האָבען די שטאָדטישע מנהיגים איהם געשאָנקען א טראָג־שטוהל מיט שטאַנגען אַזעלכע, און געדינגען צוויי מענשען, וואָס זאָלען שטענדיג זיין גרייט איהם צוטראָגען פון שטוב אין בית־מדרש אריין, אָדער אויף אַנדערע ערטער וואוהין ער האָט געדאַרפט קומען, כדי ער זאָל זיך נישט דאַרפען בעמיהען מיט'ן געהן.

ביים באַקען זיינע מצות פלעגען זיין די העלפער די גרעסטע לומדי תורה פון שטאָדט. די מצות זענען געוואָרען

געוועלגערט און גערעדעלט אויף מאַרמאָרנע שטיינער, און אויך דער בעקען אין וועלכען מען האָט דאָס טייג געקנעטען איז געוועזען פֿון מאַרמאָר־שטיין וויַיל דער שטיין קיהלט גע־וועהנליך, און ס'טייג קאָן זיך ניט אַזוי גיך דערוואַרעמען. און ס'האָט ניט געטאָהרט געמאַכט ווערען אויף איין שטיין קיין צוויי מצות מיט איינמאָל, נאָר יעדע מצה בעזונדער. און ער אַליין פֿלעגט יעדען צודערלאַנגען טייג אויף יעדער מצה.

אַ גאַנצער וואָך פֿלעגט ער שלאָפֿען אין די מלבושים אויסער די שיך, וואָס ער האָט אויסגעטהון כדי ער זאָל קאָנען מאַכען די ברכה „שעשה לי כל צרכי״, און אויסער דאָס טיכעל אויפ'ן האַלז, צוקאָנען מאַכען די ברכה „מלביש ערומים״.

חאָטש ער אַליין פֿלעגט גאַנץ ווייניג עסען, פֿלעגט ער זאָגען:

— ניט עסען לשם שמים איז נאָך ניט אַזוי שווער ווי יאָ עסען לשם שמים...

דריַיצעהן טאָג אין תשרי אין יאָהר תקצ״ח איז געשטאָרבען זיין שוועהר, דער גאון ר׳ עקיבא איינער ז״ל. די פטירה זיינע האָט געמאַכט דעם גרעסטען רושם איבער דער וועלט. אָבער קיינער פֿון די מקורבים פֿון חתם־סופֿר האָט ניט פֿער־מאָגט אין זיך דעם כח איהם אָנצוזאָגען די דאָזיגע טרויעריגע ידיעה, אָדער מיט עפּעס איהם געבען אָנצוהערען דאַריבער. זיין משמש אָבער האָט שפּעטער דערצעהלט, אַז אין יענעם טאָג ווען ר׳ עקיבא איינער איז נפֿטר געוואָרען, האָט ער געזעהן ווי דער רבי האָט פּלוצלינג קריעה געריסען. ער איז נשתומם געוואָרען... וואָרום יענעם טאָג האָט נאָך קיינער ניט געוואוסט אין פּרעשבורג וועגען ר׳ עקיבא איינער'ס פּטירה. ביז מען האָט זיך פֿון דער ידיעה דערוואוסט דורך די ציַיטונגען. און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז פּונקט אין דיזעלבע מינוט ווען זיין שוועהר איז דאָרט נפֿטר־געוואָרען, האָט דער חתם־סופֿר דאָ קריעה געריסען...

כז.

זיין פטירה.

דאָס יאָהר ת"ר איז פאַר דער פרעשבורגער קהילה און בכלל פאַר אַלע יודען אין — און אויסערען לאַנד — געוועזן זעהר אַ טרויעריגס. אין דעם דאָזיגען יאָהר'ם 25 טאָג אין תשרי, זענען אויף אייביג פערלאָשען געוואָרען די פייערדיגע אויגען פונ'ם חתם־סופר ז"ל.

און האָטש ער האָט גענוי געוואוסט דעם טאָג און די שעה ווען ער וועט נסתלק ווערען, איז ער יענעם סוכות געזעסען מיט זיין גאַנץ בני־בית אין סוכה מיט אַ פרעהליך, לויכטענדיג פנים, ווי יעדעם יאָהר, נאָר אַ געניט אויג האָט געקאָנט בעמערקען, אַז ניט קוקענדיג אויף זיין אויסערליכע פרעהליכקייט איז איהם דאָס האַרץ איבערפולט מיט אַ שווערען טרויער...

דעם ערשטען טאָג יום־טוב אין דער פריה איז זיין איינִיקעל שרה'לע, וואָס איז דאַן פיער יאָהר אַלט געוועזן, אויפגעשטאַנען פון שלאָף מיט אַ שטאַרק געוויין, גאָר ניט ווי עס וויינען געוועהנליך קינדער, אז דער חתם־סופר האָט געפרעגט דעם איינִיקעל וואָס זי ווייִנט אַזוי, האָט זי איהם ניט געוואָלט ענטפערען, נאָר שטאַרקער גענומען וויינען, ערשט נאָך אַ לאַנג בעטען האָט זי דעם פאָטער דערצעהלט, אַז עס האָט זיך איהר געחלומ'ט ביינאַכט, אַז דער גוטער זיידע איז געשטאָרבען... און האָט זיך נאָך שטאַרקער צו־וויינט.

פונ'ם קינד'ס חלום איז דעם פאָטער געוואָרען שווער און טרויעריג אויפ'ן האַרצען. און זיצענדיג שפעטער ביים טיש, האָט איינער פון בני־בית אַ פרעג געטהון:

— וואָס זעהסט, שמואל וואָלף, אַזוי שלעכט אויס?

און דער חתם־סופר האָט געענטפערט:

— ער זיצט ווי אַ חתן צווישען אבלים...

הערענדיג דאָס איז אַלעמען אַ דורך אַ קעלט אין די בײנער, און אַ אונגעהויערע שרעק האָט יעדען אַרומגענומען...

אין דעם זעלבען טאָג האָט מיט'ן חתם־סופר נאָך פּאַסירט צוויי מאָדנע פּאָרפאַלען: געהענדיג „הגבה" אין דער גרויסער שוהל האָט די ספר תורה איבערגעריסען זיך אין צווייען. דער חתם־סופר איז אָבגעשפּרונגען הינטער זיך, און זײַן פּנים איז ווײַס געוואָרען ווי קאַלך.

נאָכ'ן עסען ווידער, אַז ער האָט געוואָלט טײלען זײַן בני־בית ניס און אַנדערע זיסע זאַכען, ווי ער פלעגט זיך נוהג־זײַן יעדעס יאָהר, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט הײַ־יאָהר פערגעסען צו זאָגען דעם משמש, ער זאָל אײַנקויפען די זאַכען. און ער האָט געהאַט דערפון גרויס צער. און אַז דאָס בני־בית האָט איהם געוואָלט אויסרעדען. דאָס וואָס ער האָט פערגעסען אַזאַ קלײניגקײַט, האָט ער זיי געענטפערט:

— איך בין אָבער נישט געוואוינט צו פערגעסען.

פונדעסטוועגען האָט ער נישט בעוויזען קײן פערזאָרגט פּנים, כּדי זײַן בני־בית זאָל זיך נישט מצער־זײַן. און חאָטש אַ גאַנץ יום־טוב האָט ער געליטען שווערע יסורים, איז ער די נאַכט פון הושענה רבא וואַך געווען, און אין דער פריה אין די שטאַרקסטע יסורים, נאָך געגאַנגען אין בית־מדרש אַרײַן און געלײגט טלית און תפילין. אָבער אין מיטען דאַווענען האָט ער געמוזט דעם טלית און תפילין אויסטהון און אַ הײם געהן, אַזוי געשטאַרקט האָבען זיך זײַנע יסורים. און אַז די משמשים בעגלײטענדיג איהם אַהײם האָבען איהם געפּרובּט טרײסטען, אַז די יסורים וועלען מסתמא באַלד איבערגעהן, האָט ער זיי געענטפערט:

— איהר זענט אײַך טועה, די שערי רחמים האָבען זיך פערמאַכט. זיי האָבען מיך פון דער תתימה אַרויסגעוואָרפען...

אין דעם זעלבען טאָג האָט ער אויסגעצאָהלט אַלע זײַנע משרתים שכירות וואָס איז זיי געקומען, און מעהר האָט ער זיך אין דרויסען אַרויס שוין נישט בעוויזען ווײַל די קרענק האָט זיך געשטאַרקט פון שעה צו שעה.

די בעסטע דאקטוירים פון שטאדט האבען באלד איינ־געפינען, אז ער איז מסוכן־קראנק.

אלע שוהלען און בתי־מדרשים זענען באלד פערפולט געווארען מיט מתפללים, און ס'האבען זיך הייסע תפלות פון טויזענדטער הערצער געריסען צום הימעל. טייכען טרעהרען זענען יענעם טאג פערגאסען אין פרעשבורג. און דאס געוויין און געבעט פאר'ן לעבען פון זייער גרויסען רבי'ן האט נישט אויפגעהערט נישט בייטאג און נישט ביינאכט, ביז דער גאון ר' דניאל פרוסניטץ האט געלאזט אויסרופען אין די שוהלען אז מען זאל נישט פערשטעהרען דעם יום־טוב, יעדער זאל אהיים געהן צו זיין בני־בית.

אויך דער חתם־סופר אין זיינע שטארקסטע יסורים האט נישט אדורכגעלאזט פונדעסטוועגען קיין שום זאך פון זיין התנהגות יום שמיני־עצרת.

שמחת תורה האט ער נאך געדאווענט מיט מנין ביי זיך אין חדר, און מיט א שטראהלענדיג פנים געבענטשט זיינע זוהן און טעכטער. און דערנאך האט ער געזאגט פאר זיינע תלמידים חידושי תורה, און די דאקטוירים, זעהענדיג דאס, האבען נישט געקאנט בעגרייפען, ווי מען קאן אין א זעלכע יסורים האבען אזא לויטערען פערשטאנד און אזויפיל חכמה.

דערנאך איז דעם חתם־סופר א ביסעל בעסער געווארען, און מען האט געמיינט אז עס איז אויף איהם די ישועה גע־קומען. נאר אז צומארגענס איז אנגעקומען דער ארויסגע־רופענער פראפעסאר פון ווין, און איהם בעטראכט, האט ער איבערגעגעבען דעם בני־בית, אז עס האלט זעהר שלעכט, און לויט זיין מיינונג, וועט ער מעהר ווי א טאג אדער צוויי נישט לעבען.

האט זיך אויפגעהויבען א פריש געוויין און יללה איבער דער שטאדט. נאך ענגער איז געווארען אין די שוהלען און בתי־מדרשים פון די מתפללים. געשלאסען זענען געשטאנען די קראמען, פערלאזט — די פאבריקלעך, פערווארפען האט יעדער זיין בעשעפטיגונג און געלאפען בעטען פאר זיין גרויסען

רבי׳ן. אַשרעקליכע מהומה איז געווען אין שטאָדט, און דאָס בית־עלמין איז פֿול געווען מיט מענשען, וואָס זענען געקומען אַהין בעטען פֿאַר זײַן לעבען בײַ די קברים פֿון גרויסע צדיקים.

און דעם חתם־סופֿר איז אַלץ ערגער און ערגער געוואָרען. ער איז געלעגען אומבעוועגליך אויפֿ׳ן בעט, דאָס קאָפּעל אָנגערוקט איבער׳ן פּנים, אַז עס זאָל זיך קײנער אין איהם נישט אײַנקוקען. און די לײַט פֿון חברה קדישא, וואָס זענען געווען בײַ איהם, האָבען געמײנט, אַז עס קומען אָן די לעצטע מינוטען, און זײ האָבען אָנגעהויבען זאָגען די געוויסע תּפֿלות.

דאָ האָט דער חתם־סופֿר שוואַך אַרויסגערעדט צו אײנעם פֿון די לומדים, וואָס איז בײַ זײַן בעט געשטאַנען:

—וואָס ווילען שוין פֿון מיר די דאָזיגע לײַט?... געהט אײַך געזונדטערהײד אַהײם, עס איז נאָך דאָ גענוג צײַט, איך וועל נאָך מאָרגען אי״ה דאַווענען בציבור.

און צום זעלבען למדן דאַן געזאָגט:

— די דאָזיגע מענשען זענען מיך מבטל פֿון לערנען. איצט איז געקומען די צײַט, אַז איך זאָל איבערחזר׳ן אַלץ וואָס איך האָב געלערענט אין מײַן לעבען, און זײ זענען מיך מבלבל...

דאַן האָט ער געזאָגט צו די וואָס זענען געשטאַנען אַרום זײַן בעט:

— מאָרגען האַלב אַכט אין דער פֿריה, קינדערלעך, וועט זיך די נשמה אָבשײדען פֿון גוף.

אין דער פֿריה האָט ער געהײסען, אַז מען זאָל דאָס בעט איבערציהען מיט פֿרישען איבערצײַג, געהײסען זיך אָנטהון קלאָהרע וועש, געלײגט טלית און תּפֿילין, געדאַווענט בציבור, און אויסטהוענדיג די תּפֿילין, האָט ער זײ אַוועקגעשאָנקען דעם משמש זײַנעם.

— איך דאַרף זײ מעהר נישט, וואָרום מאָרגען וועל איך שוין זײַן פֿרײַ פֿון מצות...

דערנאָך האָט ער געבעטען אַז בײַם מיש נעבען זײַן בעט, זאָלען זיך לומדי־תּורה אויעקזעצען לערנען, כּדי זײַן

נשמה זאל פערלאזען די וועלט אין פלפול פון תורה.

און ער האט אויסגעצויגען די הענד אונטער די צודעק, צוגעשלאסען די אלץ נאך לייכטענדיגע אויגען, און אויסגעשריגען מיט די לעצטע כחות „שמע ישראל...“ און דער עולם, וואס איז געשטאנען אין די טויזענדטער אין די ארומיגע חדרים, אויפ'ן הויף און אין די גאסען ארום, האבען געענטפערט מיט א פירכטערליך געשריי: „שמע ישראל...“

דאס האט זיך איבערגעחזר'ט דריי מאל. נאר ביים דריטען מאל האט זיך שוין זיין קול קוים געהערט, די לעפצען נאר האבען זיך בעוועגט שעפטשענדיג עפעס, און די גרויסע נשמה האט זיך לייכט אבגעטיילט פון גוף.

אנ'ארון האט מען איהם געמאכט פון דעם טיש, ביי וועלכען ער פלעגט זיצען, לערענדיג דעם „שיעור“ מיט זיינע תלמידים, און וויל עס איז שוין געווען שפעט נאכמיטאג, און מען האט געוואוסט, אז די לויה וועט זיך זעהר לאנג פערציהען אין דער נאכט אריין, האט דאריבער קהל געלאזט צוגרייטען א גרויסע צאהל פאקעלען. די נאכט איז געווען זעהר א פינסטערע, א טריבע און א וויינענדיגע. אבער די ברענענדיגע פאקעלען האבען העל בעלויכטען דאס גאנצע בית-עלמין און וויט ארום די סביבה. די לויה האט זיך געצויגען אויף גאנצע וויארסטען. צעהנדליגער טויזענדטער מענשען האבען אין איהר אנטייל גענומען און פאר די מיטה זענען געגאנגען זיינע תלמידים, געטראגען זיינע כתבי-יד, די העכער ניינציג ספרים, וואס ער האט אויפגעשריבען.

אויפ'ן בית עלמין האט איהם מספיד געווען צום ערשט דאס פרעשבורגער בית-דין, דאן די זיהן און איידעמס, דערנאך האט דער גאון ר' דניאל פארגעלייענט די לעצטע צוואה, וואס דער חתם-סופר האט אנגעשריבען צוויי יאהר פאר זיין פטירה, אין וועלכע ער האט געבעטען די שטאדטישע מנהיגים, אכטונג צו געבען אויף זיין יונגסטען זוהן יוזעפ'ל וואס איז נאך זעהר יונג און קאן נאך פאר זיך גאר נישט זארגען. זיי זאלען זעהן, עס זאל איהם אנקומען א גלייכער חלק ירושה, און זעהן, אז ער זאל פערברענגען די צייט על התורה ועל העבודה. אלע שטוב-זאכען זאלען ווערען פערקויפט, און פון

דעם געלד זאָל מען ס׳ערשטע אַראָב געבען אַ צעהנטעל די טעכטער זיינע, חאָטש נדן זיי צו געבען האָט קהל גענומען אויף זיך נאָך מיט יאָהרען צוריק. דערפאַר די חיבורים זיינע זאָלען געהערען בלויז צו זיינע דריי זיהן.

דערנאָך האָט איהם מספּיד געווען מיט אַ שרעקליך ביטער, הארצרייסענד געוויין, זיין עלטסטער זוהן ר׳ אברהם שמואל בנימין, וואָס איז באַלד ביים קבר געקרוינט געוואָרען פונ׳ם שווארצען טויזענד־קעפּיגען עולם, וואָס האָט דאָס בית־עלמין פערפלייצט. און אַ „מזל טוב״ איז אָבגעגעבען געוואָרען דעם גרויסען נפטר אין קבר אריין, אַז זיין זוהן איז אויפגענומען געוואָרען פאַר זיין ממלא מקומו.

ענדע

אינהאַלט.

W — I1

פֿאָרעדע פֿון הלל צייטלין

קאַפּיטעל		זייטע
א)	זיין געבורט.	5 — 8
ב)	דאָס פֿערלאָזען די עלטערן.	8 — 12
ג)	אויפ'ן וועג קיין באָסקאָוויץ.	12 — 19
ד)	געשיידט זיך אויפ'ס־ניי.	19 — 21
ה)	די חתונה.	21 — 27
ו)	דעם שוואָגערס ירידה.	27 — 31
ז)	זיין תלמיד ר' פנחס־לייבעלע.	31 — 34
ח)	דאָס יתומ'ל.	34 — 36
ט)	די שׂרפֿה.	37 — 40
י)	אין חלום.	40 — 42
יא)	דער אַלטער שמש.	42 — 45
יב)	אין וועג.	46 — 48
יג)	זיין לעבען אין פרעשבורג.	48 — 51
יד)	אין דער מלחמה.	52 — 59
טו)	ניצל געוואָרען.	59 — 65
טז)	די מלחמה געגען די רעפֿאָרמירטע.	66 — 70
יז)	ער און זיין מוטער.	70 — 73
יח)	זיין מוטערס פטירה.	73 — 74
יט)	וואָס ער אַליין האָט דערצעהלט.	75 — 81
כ)	דער פח זיינער.	81 — 84
כא)	זיין שרייבען.	84 — 85
כב)	וואָס מען דערצעהלט.	85 — 89
כג)	די פלומפ.	89 — 91
כד)	דאָס מוהל־מעסער	91 — 92
כה)	זיין שׂיחת חולין.	92 — 94
כו)	זיין התנהגות.	94 — 96
כז)	זיין פטירה.	97 — 102

פערלאג „א. גיטלין"

מ. י. לערמאנטאוו

דער העלד פון אונזער צייט

יודיש: ד. קאסעל.

דער יודישער לעזער איז נאך גארנישט בעקאנט מיט דעם גרויסען דיכטער מ. י. לערמאנטאוו, וואס איז אזוי יונג און טראגיש אוועקגעשטארבען, מיטנעהמענדיג מיט זיך אין קבר אריין זיין מעכטיגען טאלענט. אבער דאס, וואס לערמאנטאוו האט איבערגעלאזט, איז שוין גענוג, אז זיין נאמען זאל בלייבען אומשטערבליך. און אומשטערבליך איז זיין ראמאן „דער העלד פון אונזער צייט", וואס לייענט זיך ווי א ליעד און וואס פאנגט דעם לעזער מיט זיין טיעפען געדאנק, מיט זיין צארטער מעלאנכאליע און שטילען רייץ. אזא ראמאן ווערט געלייענט און איבער־געלייענט און יעדעס מאל געפינט מען אין איהם נייע שטריכען און נייע געדאנקען, ווי א קוואל, וואס ווערט קיינמאל נישט אויסגעשעפט.

עלעגאנט ארויסגעגעבען

פרייז 5 מארק.

פערלאג „א. גיטלין"

ש. גארעליק

אין וואנדער־לעבען

דער פערטרוימטער און שטימונגספולער גארעליק האט א סך געזעהן און האט פון דעם געזעהענעם געשאפען זעהר אינטערעסאנטע און אינהאלטס־רייכע רייזע־בילדער און ארטיקלען. גארעליק איז שוין גוט בעקאנט אין דער יודישער גאס און ער נויטיגט זיך נישט אין קיין רעקלאמעס. דער ליעבהאבער פון יודיש, דער יודישער לעזער וועט זיכער געהן צו גארעליק'ס בוך, וואו ער וועט זעהן, ווי אזוי עס לעבט זיין אייגענער ברודער אין פרעמדע לענדער. וואו ער וועט זיך בעקאנען מיט פערשיעדענע יודישע כלל־טוער, אינטערעסאנטע פערזענליכקייטען א. ד. גל. גארעליק גיט דא אויך איבער די פאר־ביגע לאנדשאפטען פון דער שווייץ, וואס זענען געשריבען מיט א קרעפטיגער האנד. אויך די זייטלעך פון גארעליקס בוך אטעמט דער מענש און די נאטור מיט לעבען, און דערין ליעגט דער רייץ פון בוך.

עלעגאנט ארויסגעגעבען

פרייז 5 מארק.